STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02660

DOS LEBN FUN EMA LAZARUS

Israel Ber Beilin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס לעבן פון

עמאַ לאַזאַרוס

אַ ביאָגראַפיע

פון

י. ב. ביילין

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג פונעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן
ניו־יאָרק, 1946

באַמערקונג פונעם אויטאָר

אַלע ציטאַטן אין דער דאָזיקער ביאָגראַפישער סקיצע, סיי פּראָזאַאישע און סיי פּאָעטישע, זיינען איבערגעגעבן אין מיין אייגענער פרייער איבערזעצונג, אַזוי, אַז די דיכטער גופא טראָגן נישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וועלכער עס איז אומפּינקטלעכקייט אין ניואַנסירן דעם געפיל אָדער רויקייט אין דער פּאָליטור. איך האָב זיך מער גערעכנט מיטן הויפּט־געדאַנק, ווי מיט עפּעס אַנדערש.

פאַר פיל פאַקטן, געדאַנקען און ציטאַטן קום איך אַ דאַנק דעם חשובן פּריינט מאָריס שאַפּעס אין פאַרבינדונג מיט זיין „עמאַ לאַזאַרוס" (געקליבענע לידער און פּראָזע), ווי אויך דער חשובער שרייבערין הערטהאַ פּאָולי, אין איר אַרטיקל אין „קאָמענטאַרי", נאָוועמבער 1945 — „דהי סטעטשו אָוו ליבערטי פאַינדס איטס פּאָעט". פיל פון זייערע געדאַנקען האָבן מיר באמת סטימולירט צו שאַפן אַ קלאָרער בילד וועגן די גייסטיקע רעגונגען פון אָט־דער טרייער און שיינער אידישער פּאָרקעמפּערין דאָ אין לאַנד.

י. ב. ביילין.

Copyright 1946 by
BOOK LEAGUE
Jewish Peoples Fraternal Order, I.W.O.
80 Fifth Avenue, New York 11, N. Y.

209

איינע פון די דריי אידישע מאַמעס אין אַמעריקע

אַריינפיר

„. . . מיר מוזן העלפן אונדזערע ווייניקער־גליקלעכע ברידער, נישט ווי די פאַרמעגלעכע, וואָס לאָזן זיך גרויסמוטיק אַרונטער מיט זייער שטיצע און אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג נעמען זיי זיך פאַרדעקן די סאָציאַלע וואונדן פון דער געזעלשאַפט, דורך באַזאָרגן אַ באַ־העלטעניש ערגעץ פאַר דעם אויסוואורף און פאַרן בעטלער, נאָר מיט דער וואַרעמער סימפּאַטיע פון מענער און פרויען, וואָס באַמיען זיך צו פאַרטיידיקן זייערע מיטמענטשן קעגן געוואַלט און אונטערדריקונג; פון אידן, וואָס פילן דעם ברען פון יעדער וואונד און באַליידיקונג קעגן זייער אייגן פלייש און בלוט. . . .

„. . . עס וועט בלייבן אַ שטענדיקער פלעק אויפן אַמעריקאַנער אידנטום — ניין, אויפן פאַרמעגלעכן אידנטום אין יעדן לאַנד — אויב מיר וועלן איצט ניט אַרויסקומען מיט דערמוטיקונג פאַר די פאַרצווייפלטע און מיט הילף פאַר די הילפלאָזע, אָדער אויב מיר וועלן פאַרנאַכלעסיקן די דאָזיקע געלעגנהייט צו הויבן די חשיבות פון אונדזער פאָלק און אונדזער נאָמען דורך אַן ענערגישער, פאַראייניק־טער אַקציע. . . .

„. . . אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך איצט פון יעדן אידן, וואָס עס זאָלן נישט זיין זיינע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע איבערצייגונגען, איז אַוועקצולייגן אָן אַ זייט די פּערזענלעכע און אויבערפלעכלעכע חשבונות און צוגיין צום ענין . . . מיטן פאַרלאַנג צו איגנאָרירן אַלע אומוויכטיקע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און אָפּשטעלן זיך אויף די פונדאַמענטאַלע זאַכן, אין וועלכע מיר זיינען איינשטימיק. . . .״

ווער, מיינט איר, האָט געשריבן די דאָזיקע שורות, וואָס קלינגען, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעריסן פונעם האַרץ פון אַ אידישן כלל־טוער אין אונדזערע טעג, וואָס אַרבעט אויף פאַראייניקן אַלע פּאָזיטיווע אידישע כחות צו ראַטעווען די שארית הפּליטה ?...

דאָס האָט געשריבן מיט אַ 65 יאָר צוריק די איד־אַמעריקאַנער

דיכטערין און כלל־טוערין עמאַ לאַזאַרוס, די דריטע באַרימטע פרוי, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט אַרויסגעגעבן פון זיך ביז די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. זי האָט פאַרגעזעצט אויף אַ פּיל העכערן גראַד די נאָבעלע טעטיקייטן פון רעבעקאַ גראַץ און פנינה מאָיסעי, געטרייע טעכטער פונעם אידישן פאָלק, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו זיין די פּיאָנערן פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע און דערגרייכט אַלמענטשלעכע הויכן פון אָפּערוויליקייט און אידעאַליזם.

אַלע דריי האָבן קיין אייגענע פאַמיליעס נישט אויפגעשטעלט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער און קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. אָבער דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין אַמעריקע באַטראַכט זיי פאַר זיינע מאַמעס און איז שטאָלץ מיט זיי און מיט זייערע אויפטועך. די לעצטע פון זיי — עמאַ לאַזאַרוס — איז די סאַמע נאָענטסטע צו אונדז, אין צייט און אין אידייע. זי האָט געלאָזן אירע פוס־טריט אינעם אַמעריקאַנעם קולטור־גאָרטן. זי האָט געוועקט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די אידן פון איר דור. זי האָט געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון איר צייט. איר ליד איז איינגעמויערט אויף דורות אין דער פרייהייט־סטאַטוע אין ניו־יאָרקער האַפן.

פון דעם נעמט זיך, וואָס די פרויען־מיטגלידער פונעם אידישן פּראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער דיוויזיע — די „עמאַ לאַזאַרוס פרויען־דיוויזיע”. מיר ווייסן נישט וועלכע אַנדערע פרוי פון צווישן די אידיש־אַמעריקאַנער פרויען האָט מער פאַרדינט דעם דאָזיקן כבוד. איר לעבן איז געווען אַ קורצער, אָבער אָנגעזעטיקט מיט שיינע ווערק און שפּעטער אויך מיט הערלעכער אַרבעט פאַר די ברייטע אידישע מאַסן. ווילן מיר, דעריבער, מער וויסן וועגן איר, וועגן איר אָפּשטאַם און דערציאונג, וועגן די הויך־פּונקטן און רעגונגען פון איר לעבן. דאָס איז דער צוועק פון דער דאָזיקער קורצער ביאָגראַפיע.

געבוירן אין ניו־יאָרק

עמאַ לאַזאַרוס איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין רעכטן מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט, דעם 22טן יולי, 1849. אין אייראָפּע האָבן זיך דעמאָלט נאָך געקייקלט די לעצטע עכאָס פון די רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן. אין אַמעריקע האָט שוין די שאַרפע צעטיילונג פון פאַר־און־קעגן נעגער־שקלאַפעריי פאַרנומען דעם אויבנאָן פון פּאָליטישע געשפּרעכן. אָבער אינעם הויז, וואו עמאַ איז געבאָרן געוואָרן, האָט זיך דעמאָלט קנאַפּ־וואָס געקענט פילן די

דאָזיקע שטורמישע אַטמאָספערע. די לאַזאַרוס־פאַמיליע האָט זיך גע־גרויסט מיט איר יחוס פון פריערדיקע דורות. זייערע עלטערן האָבן אָפּ־געשטאַמט פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון דער אינקוויזיציע און גירוש. זיי זיינען געקומען אין אַמעריקע ניט שפּעטער פון די פּילגרים־פּאַטערס. זיי האָבן נאָך אין בראַזיל אַנט־וויקלט די צוקער־אינדוסטריע. מאַזעס לאַזאַרוס, עמאַס פאָטער, איז גע־ווען אַ צוקער־מאַגנאַט און האָט זיך געקענט דערלויבן אין זיינע מיטעלע יאָרן אויפגעבן אַלע געשעפטן און לעבן פון גרייטן.

זיין פרוי אסתר, עמאַס מוטער, האָט געשטאַמט פון דער אַלטער אידי־שער בכבודער פאַמיליע נאַטאַן, אָדער נעיטן. אויסער עמאַן האָט זי געבוירן נאָך זעקס קינדער. עס איז געווען ניט קיין שלעכט אייגנס: זעקס טעכטער און איין זון. אָבער עס האָט געקלעקט. די לאַזאַרוסעס האָבן זיך געקענט דערלויבן צו דערציען זייערע קינדער דורך פריוואַטע לערער. מ'האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יעדן פון זיי באַזונדער. עמאַ איז ניט געווען קיין אויסנאַם אין דעם זינען. זי האָט געהאַט אַלע מעלות און אַלע חסרונות פון אַזאַ פּריוואַטער, אינדיווידועלער דערציאונג.

און אפשר האָבן זיך די חסרונות — די איינגעשלאָסנקייט און איזאָ־לאַציע פון אַנדערע קינדער — מער אָפּגעשפּיגלט אויף דער סענסיטיווער עמאַן, ווי אויף די איבעריקע זעקס קינדער. אפילו צווישן אירע אייגענע שוועסטער האָט זיך עמאַ אויך געפילט עפּעס ווי אין דער פרעמד. בלויז מיט איינער, דזשאָזעפין, פלעגט זי זיך שפּילן אָדער בכלל חברן זיך, ווייל קיין סך האָט זיך עמאַ נישט געשפּילט אין קינדער־שפּילן. זי האָט זיך אין איר פריסטער יוגנט שוין געשפּילט מיטן שפּיל פון ווערטער און גראַמען. צו זיבן יאָר האָט זי שוין געהאַט אַ היפּש ביסל פאַרשריבענע העפטן מיט קינדערשע פּאָעטישע אויסגוסן.

לעבן יוניאָן סקווער און איזאָלירט פון דער וועלט

אויב איר גייט דורך ווען עס איז די 14טע גאַס, אין ניו־יאָרק, אינעם געגנט פון יוניאָן־סקווער, האָט אין זינען, אַז עמאַ לאַזאַרוס האָט דאָרט געשטעלט אירע ערשטע טריט.

די פאַמיליע לאַזאַרוס האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט אָפּצוזאַמען זייער עמאַן פון דער וועלט, פון דער גאַס, פון מענטשן — פאַר וועלכע די אויבערשטע פון שטויסל שרעקן זיך שטענדיק. קיין גוטס האָט עס עמאַן נישט געטאָן. קיין געזונט איז איר פון דעם ניט צוגעקומען. זי האָט זיך פאַרטיפט כסדר אין זיך, צוגעהערט זיך צו די אייגענע שטומע קולות און פאַרשלאָסן זיי אויף זיבן שלעסער.

די שוועסטער לאכן אָפּ פון עמאַן מיט אירע לידער. אַלץ וואָס זי האָט געלערנט פון אירע לערער וועגן די גריכישע געטער און געטינס נעמט זי אָן אין אירע קינדער־יאָרן, ווי ס'וואָלט עקזיסטירט אין דער ווירק־לעכקייט. שרייבט זי אָדעס צו אַפּאָלאָן, דער גריכישער גאָט פון ליכט, באַקלאָגט זי דאָס צעבראָכענע האַרץ פון אַפראָדיטען, די געטין פון ליבע... ביי איר איז עס אַזאַ טיפער, דערשיטערנדיקער אמת און די שוועסטער — זיי לאַכן גאָר פון איר. פאַרשליסט זי נאָך מער טיר און טויער. דערציילט זי שוין אַפילו זיי אויך נישט וועגן אירע קינדערשע פאַנטאַסטישע זעאונגען.

די פערצניאָריקע עמאַ, וואָס האָט ערשט געדאַרפט ווי אַ יונגער קנאָספּ זיך פאַנאַנדערוויקלען אין אויפבלי, האָט שוין ערנסט געוואויגן די פּראָב־לעמען פון אַלטקייט און טויט. זי האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין לייענען און אין איין אידענטיפיצירן זיך מיט די העלדן פון אַלטערטום, וואָס האָבן זי אַזוי פאַראינטריגירט. אָפּגעשלאָסן פון דער לעבעדיקער וועלט דורך דער אַריסטאָקראַטישער איזאָלאַציע, האָט זי דורכגעבראָכן אַ טיר צו דער אַלטער וועלט. זי האָט געלייענט האָמערן, פאַרטיפט זיך אין דער גריכישער קלאַסישער טראַגעדיע, געפּרוווט זיי נאָכשרייבן, נאָכזינגען אין אויסגעדראָשענע גראַמען. זי איז דעמאָלט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו, אַז לויטן עדות־זאָגן פון איר שוועסטער דזשאָזעפין, איר אינטימסטע שוועסטער און חברטע, האָט זי אין צוויי וואָכן אָנגעשריבן פופצן הונדערט שורות אין גראַמען.

ס'איז אָבער געווען קלאָר, אַז זי וועט זיין אַ דיכטערין. אין דעם זין האָט איר פאָטער בעסער געזען ווי אירע פינף שוועסטער און איר ברודער פראַנק, וואָס האָבן ניט געגלויבט אין איר ערנסט און ניט גע־האַלטן פון איר טאַלאַנט. דער פאָטער האָט זי דערמוטיקט צו שרייבן אירע לידער, ווען זי איז נאָך אַלט געווען זיבן יאָר.

עמאַ אַליין איז, קענטיק, ניט געווען זייער זיכער, צי דאָס וואָס זי שרייבט האָט עפּעס אַ ווערט. וואָס ווייטער זי איז פאַרגאַנגען אין אירע צענער יאָרן, אַלץ מער האָט זי דער צווייפל אָנגעגריפן. איר לייכטע באַ־הערשונג פון שפּראַכן, און די ספּעציעלע דייטשע און פראַנצויזישע מייסטער פון יענער צייט, האָט פאַרשטאַרקט איר ערנסטן צווייפל אין זיך. „ווער בין איך?” — האָט זי זיך געקענט קלערן ווען זי האָט געלייענט אַזעלכע ווי געטהע, שילער און היינע און געפּרוווט פאַרגלייכן אירע אויסגעדראָשענע פראַזעס מיט די אָנגעלאָדענע געדאַנקען פון אַזעלכע גרויסע גיגאַנטן.

איר באַגייסטערונג פאַר די דאָזיקע מייסטער ווי אויך פאַר וויקטאָר

הוגאָ און די צוויי דומאַס (פּאָטער און זון) האָט איר אָנגעפּילט מיטן פֿאַרלאַנג זיי איבערצוזעצן אין ענגליש, און אויף אַזאַ אופֿן צורירן איר נשמה צו די דאָזיקע אומשטערבלעכע... זי איז צוגעגאַנגען צו די דאָזיקע איבערזעצונגען מיט גרויס פּיעטעט און ווען זי איז געווען אין אירע „זיסע זעכצן" האָט זי שוין דערפֿילט דעם זיס־ביטערן טעם פֿון זיין אַן אויטאָר... איר ערשטער באַנד „פּאָעמען און איבערזעצונגען" האָט זי אָפּגעדרוקט „פֿאַר פּריוואַטער צירקולאַציע". אָבער ווען דער דאָזיקער באַנד האָט דערגרייכט דעם אַלטן וויליאַם קאָלען בראַיענט, דעם ערשטן פֿון דער ריי וויכטיקע הומאַניסטישע אַמעריקאַנער דיכטער, האָט ער אין איר דערזען אַן עכטן פּאָעטישן יונגן טאַלאַנט. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען זיך ניט דערמאָנען וועלכע עס איז אַמעריקאַנער יונגע אַכצניאָריקע דיכטערין, וואָס זאָל זיך קענען פֿאַרגלייכן מיט די לידער פֿון עמאַ לאַזאַרוס.

ווען עמאַ האָט זיך דערוואוסט פֿון בראַיענטס מיינונג וועגן איר, האָט עס איר צוגעגעבן מער מוט. זי איז טיפֿער אַריינגעדרונגען אין די שאַפֿונגען פֿון היינריך היינע, צו וועלכן זי האָט געפֿילט אַ מאָדנע קרובה־שאַפֿט און אַ פּאַטעטישע פֿאַרערונג. זי האָט זיך גענומען זייער ערנסט צו זיינע לידער, כאָטש איר האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן איבערצודיכטן אין ענגליש דעם פֿולן צויבער פֿון דעם דאָזיקן געניאַלן פּאָעט. זי האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט אויפֿכאַפּן דעם פֿלאַטער פֿון היינעס מאָמענטאַנע, פֿריילעכע אויסברוכן און זיין קוים־באַמערקבאַרן סאַטירישן שמייכל. זי איז געווען צו ערנסט, צו טראַגיש, פֿאַר סאַרקאַזם אָדער סאַטירע.

לויט אירע פּאָטאָגראַפֿישע בילדער האָט זי געמוזט זיין אַ צימלעך־אַטראַקטיווע מיידל, כאָטש עס איז מעגלעך, אַז אירע שטרענגע אַריסטאָקראַטישע געזיכטס־צוגן זאָלן האָבן צוריקגעהאַלטן פֿון איר יונגע לייט, שוין אַ חוץ איר אַסקעטישער אָפּגעזונדערטקייט און זעלבסט־קאָנצענטרירטקייט.

צופֿיל איז עמאַ געווען פֿאַרנומען מיט אירע גוטע באַקאַנטע פֿון דער געשיכטע, מיט די גלאָריפֿיצירטע העלדן פֿון העלאַס (אַלט גריכנלאַנד) און רוים, אַז זי זאָל זיך ווענדן אומקוקן אויף טאָג־טעגלעכע פּראַנטן, וואָס האָבן אין זיך ניט אַפֿילו קיין שפּור פֿון אַן אַגאַמעמנאָן (אַ העלד פֿון אַלטן גריכנלאַנד). אין אירע צענער יאָרן האָט זי נאָך וועגן אידישע העלדן און דענקער פֿיל נישט געוואוסט, און אויב יאָ — איז עס מער געווען אין טראַדיציאָנעלן זינען, פֿון אירע עלטערן, ווי דורך אירע לערער, וואָס האָבן זי אָנגעשטאָפּט מיט שפּראַכן און קלאַסיקער.

מעגלעך, אז וואָס מער זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין היינען און באַוויזן אַריינצודרינגען אין זיין אידישן הינטערגרונט, איז זי אַלץ נעענטער צוגעקומען צום אידישן אור־קוואַל. אַליין ניט וויסנדיק ווי מאָדנע נאָענט זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען. עס איז נישט נויטיק אָנצונעמען, אַז ביז די אַכציקער יאָרן האָט זי איננאַנצן נישט געוואָלט וויסן פון אידן, כאָטש פון דער צווייטער זייט קען מען ניט לייקענען, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער, אַז די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן האָבן זי אויפגעטרייסלט צו דערזען די וועלט מיט קלאָרע, רעאַלע אויגן. אירע שוועסטער זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז עמאַ איז ביז דעמאָלט געווען צופיל פאַרגויאישט...

אונטער עמערסאָנס איינפלוס

גיכער איז עמאַ אין אירע צענער און צוואַנציקער יאָרן נישט געווען פאַרגויאישט. זי איז בכלל געווען אַ נישט־דאַאיקע. אַרומגעגאַנגען אויף אַ וועלט, וואָס האָט שוין פון לאַנג נישט עקזיסטירט. עס איז פונקט ווי סאַפּפאָ, די גרויסע אַלט־גריכישע דיכטערין, וואָלט אַרומגעשפּאַצירט אויף 14טער גאַס אין ניו־יאָרק. איר איזאָלאַציע פון דער וועלט האָט דאָך שיעור נישט פאַראורזאַכט, אַז אַפילו אַזאַ קאָלאָסאַלער געראַנגל ווי עס איז געווען דער בירגער־קריג, זאָל זי אויך פאַרבייגיין און צורו לאָזן. כאָטש די שפּעטערדיקע עמאַ לאַזארוס וואָלט מסתמא זיך נישט געקענט פאַרגעבן אַ גאַנץ לעבן, אויב זי וואָלט ניט מיטגעקעמפט אינעם בירגער־קריג מיט איר יונגער, ענערגישער פּען.

אויף וויפיל צייט־מענטשן האָבן אָבער דעמאָלט יאָ געהאַט אויף איר אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס, איז עס געווען די עמערסאָן־גרופּע אין קאָנקאָרד, מאַסאַטשוזעטס, די ירושלים פון יענער צייט ביי די אַמעריקאַנער אידעאַליסטישע פּאָעטן און דענקער...

די עמערסאָן־גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ ריי פילאָסאָפירנדיקע, עטיש־דערהויבענע און סאָציאַל־פילנדיקע דיכטער, פּריידיקער און דערציער. צו איר האָבן געהערט אַזעלכע שרייבער ווי נאַטאַניעל האָטהאָרן, ווי דער שוין־דערמאָנטער וויליאַם קאָלען בראַיענט, דר. העדזש, דר. ריפּלי, מאַרגאַרעט פולער, בראָנסאָן אַלקאָט, אָרעסטעס בראַונסאָן, טעאָדאָר פּאַרקער, הענרי טאָראָ און אַנדערע. עמערסאָן אַליין איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון זיינע תלמידים און חברים.

ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן (1803—1882), ווי זיין פולער נאָמען איז געווען, האָט אָפּגעשטאַמט פון דורות פוריטאַנישע גייסטלעכע, וואָס האָבן

פארנומען א באזונדער אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם עטיש־שיינעם, אידעאַליסטישן אַמעריקאַנער, אין קאַנטראַסט צו דעם יענקי געשעפטס־ספעקולאַנט און עקספּלואַטאַטאָר. איינער פון זיינע עלטער־זיידעס, דזשאָזעף עמערסאָן פון מאָלדען, פלעגט יעדן אָוונט בעטן גאָט אין זיין תפילה, אַז עס זאָל פון אים קיינמאָל ניט אַרויסקומען קיין זון אָדער אייניקל, וואָס זאָל זיין רייך. נישט קיין וואונדער, וואָס ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן איז געוואָרן אין אַמעריקע די פאַרקערפּערונג פון אַ שיין־גייסט, פון עטיש־דערהויבענעם, פאַרשיכורטן מיט אוניווערסאַלער געטלעכקייט, אונטער וועלכער ער האָט פאַרשטאַנען אַבסטראַקטע גערעכטיקייט און אמת.

אָט די קאָנקאָרדער גרופּע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יעדן קעמפערישן גייסט, פאַר יעדן רוף צו גערעכטיקייט און ניט זעלטן אויך אין וויכטיקע קאָנקרעטע פאַלן. עס איז גענוג צו זען מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט עמערסאָן רעדט וועגן דזשאָן בראַון, דעם באַרימטן קעמפּער קעגן שקלאַפעריי, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס איז ניט געווען גלאַט אַזוי זיך אַ היפּאָקריטישע גרופּע פון שיין־רעדנער.

אָבער כאָטש די דאָזיקע גרופּע האָט אויסגעאיבט אַ געוויסע ווירקונג אויף דער אידעאַליסטישער אַמעריקאַנער יוגנט פון יענער צייט, איז זי דאָך געבליבן אָן אַ זייט פונם ברייטן שליאַך פון אַמעריקאַנער לעבן. און אפשר איז גראָד די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע איזאָלירטקייט געווען דאָס, וואָס האָט אַזוי געצווינגען צו זיי די איינזאַמע, געפּילפּולע עמאַ לאַזארוס.

אַ גליקלעכער, גרויסער טאָג איז פאַר דער יונגער עמאַן געווען, ווען זי איז איינגעלאַדן געוואָרן אינעם הויז פון סעמיועל וואָרד גרעי, צו טרעפן זיך דאָרט מיטן גרויסן גאַסט און גייסט — ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן. יעדער נערוו אין איר ווען האָט באַנומען דעם גרויסן פאַרכאַפּנדיקן פאַרגעניגן, וואָס זי האָט געהאַט, זעענדיק אויג אויף אויג דעם גרעסטן באַפליגלטן מענטשן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און סאָציאַלער עטיק. זי האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דער געשעעניש, אַז זי איז אַנטציקט געוואָרן „פון דער הויכער, דאַרער פיגור, באַקרוינט מיטן מיניאַטורנעם קאָפּ, וואָס האַלט אָן מיט אַזאַ פייגלשער איידלקייט און זעליקייט דעם אָדלער־איינדרוק פון דער שנאָבלדיקער נאָז און דורכדרינגענדיקע אויגן. אומפאַרגעסלעכע אָדלער־אויגן, פול מיט שמייכלענדיקער חכמה!”

איר ערשטער בוך דערשיינט

ווען איר ערשטער בוך „פּאָעמען און איבערזעצונגען” איז דערשינען, זיינען מערסטע אָפּרופן געווען דערמוטיקנדיקע, כאָטש אייניקע האָבן דעם

בוך געלויבט — נעמענדיק אין אכט אז די פאַרפאַסערין איז נאָך אַזוי יונג. אָבער איין ביטערע פּיל האָט עמאַ דעמאָלט געמוזט אַרונטערשלינגען. צווישן די קריטיקער און רעצענזענטן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף איר בוך, זיינען בלויז צוויי געווען גרויסע אויטאָריטעטן: דער פריער שוין־דערמאָנטער בראַיענט און דזשעימס ראַסעל לאָועל. בעת בראַיענט איז געווען פונעם בוך באַגייסטערט, איז לאָועל געבליבן קאַלט. ער האָט גע־ראַטן דער יונגער דיכטערין צו נעמען זיך ערשט לערנען, „איבערצוחזרן אירע פריערדיקע לעקציעס״. עמאַ האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַרן שאַרפסטן קריטיקער אין זיין צייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער זי האָט אַזוי געוואָלט, אַז אין איר פאַל זאָל ער האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות. לאָועלס ניט־אָנערקענען זי, איז איבער איר געהאַנגען ווי אַ וואָלקן.

מיט אַמאָל דערמאָנט זיך זיך אָן עמערסאָנען. עס קען דאָך נישט זיין, אַז ער זאָל נישט מיטפילן מיט איר. ער וועט זי נאָך מסתמא גע־דענקען פון דער באַגעגעניש ביי גרעיען אין הויז. עמאַ האָט מיט איר באַשיידנקייט אים געשיקט אַ בוך און דערמאָנט אים וואו זיי האָבן זיך געהאַט געטראָפן. ווער ווייסט צי דער אַלטער עמערסאָן האָט געקענט געדענקען אַ יונג מיידעלע, וואָס מ׳האָט אים פאַרגעשטעלט. ביי אים איז עס דאָך דעמאָלט נישט געווען קיין איבערלעבונג. אָבער עמערסאָן האָט זיך זייער געהיט צו באַליידיקן וועמען עס איז, איבערהויפּט נאָך אַ יונגע דיכטערין, וואָס שרייבט אַזוי געפילפול.

עמערסאָן האָט איר צוגעשיקט אַ בריוול בלויז פון עטלעכע שורות. דאָס בוך מאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף אים. עס איז אמתע דיכטונג, כאָטש עס איז צופיל אינעם גייסט פון די קלאַסיקער... געמיינט האָט ער, מסתמא, אַז זי איז נאָך צופיל אונטערן איינפלוס פון די קלאַסיקער און אַז זי דאַרף נאָך ערשט עפענען איר אייגענעם קוואַל. אָבער עמאַ האָט עס אויסגע־טייטשט דורכאויס אין אַ פּאָזיטיוון זינען. זי האָט אים גלייך געענטפערט אויף זיין בריוול. זי איז גערירט און דערהויבן פון זיין הויכער מיינונג וועגן איר פּאָעזיע... זי שרייבט נישט בלויז אין קלאַסישן סטיל... זי שרייבט אויף פאַרשיידנאַרטיקע אופנים... און וואָס קען עס זיין וואָס לאָועלן איז איר בוך נישט געפעלן?... ער האָט זי געשיקט צוריק אין חדר אַריין... האַלט עס טאַקע אַזוי שלעכט מיט איר?

פון אַ פאַרערערין אַ פריינדין

דאָס האָט אָנגעהויבן איר לענגערע קאָרעספּאָנדענץ מיטן באַרימטן זקן פון קאָנקאָרד. ער איז איר נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. זי

איז געווען אַ ביסל אַנטוישט, פאַרוואָס ער רייסט ניט אַרונטער לאָועלן פאַר אַזאַ גרינגשעצן זי. עמערסאָן האָט איר אין צווייטן בריוו געשריבן, אַז „לאָועל איז גערעכט, אויב ער קען מיט זיין שטרענגן אורטייל מאַכן אייך, אַז איר זאָלט פּלייסיקער אויסגלעטן אייערע פערזן...” ער האָט איר געראַטן צו לערנען זיך פון שעקספּירן צו זיין שפּאָרעוודיק אין אויסדרוק.

זי האָט אים געפאָלגט. אין די ערשטע יאָרן איז ער געווען איר גאָט. אויב ער שרייבט איר, אַז איר אָדע וועגן דעם תּלמיד זיינעם, טאָראָ, איז ניט געראָטן, נעמט זי אָן דעם גזר־דין און וואַרפט עס אַוועק. זי האָט אים שוין נישט צורו געלאָזט... וועגן יעדער פראַגע האָט זי געוואָלט האָבן זיין מיינונג. בפרט נאָך, ווען ער האָט אָנגעהויבן וואָס וויטער ווערן אַלץ נעענטער צו איר, אינטימער.

איר צווייטער בוך

אין 1871, אינעם יאָר פון דער פּאַריזער קאָמונע, דערשיינט איר צווייט בוך „אַדמעטוס און אַנדערע פּאָעמען”. זי איז דעמאָלט קוים אַלט געווען 22 יאָר. אָבער דער מייסטער פון קאָנקאָרד שרייבט איר שוין אַ וואַרעמע באַגריסונג און זאָגט איר: „איר האָט אָנגעשריבן אַ נאָבעלע פּאָעמע, וואָס איך האָב ניט גענוג ווערטער צו לויבן זי.” פון דער פּאַטעטיזירנדיקער יונג־מיידעלע איז געוואָרן אַ דיכטערין. עמערסאָן פאַר־ענדיקט צום ערשטן מאָל אַ בריוו צו איר, ניט ווי אַן אַלץ־וויסער צו אַ מינדערוויכטיקן תּלמיד, נאָר ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. „אייער פריינט אויף שטענדיק” — שרייבט ער זיך אונטער.

עס גלויבט זיך ניט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס בוך האָט זי אים געווידמעט: „צו מיין פריינט ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן”. דער פאַקט איז געווען, אַז זי איז טאַקע געשטיגן. איר טאַלאַנט איז געוואַקסן. אירע עמפּפינדונגען און געדאַנקען זיינען געוואָרן אַזויפיל צייטיקער ווי יענע גרינע „ערשטע פּרוכט”, וואָס זי האָט געשריבן אין עלטער פון 15־16 יאָר.

אָבער דערווייל האָט זי געריטן אין די הימלען. עמערסאָנען געפעלט דאָס בוך, וואָס זי האָט אים געווידמעט. איז וואָס אַרט איר שוין, וואָס וויליאַם דין האַועלס, דער רעדאַקטאָר פונעם „אַטלאַנטיק מאָנטלי”, האָט מיט אַ שטיק צייט פריער צוריקגעוויזן „אַדמעטוס” און עס ניט געוואָלט פאַרעפנטלעכן...

און ווער איז איר דען ליבער ווי עמערסאָן? און מיט וועמענס מיינונג רעכנט זי זיך דען מער? און דאָס שטילע פייערל, וואָס טליעט זיך אין ערגעץ ביי איר צו דעם דאָזיקן איבערמענטשן — ווער ווייס וואָס

דאָס איז ?... און ווער דאַרף עס גאָר וויסן ? אַבי עס טליעט זיך און פון דעם אַליין איז איר געווען וואַרעם.

וואָס אָבער דער פאַל זאָל ניט זיין, איז פון דער דאָזיקער קינדערשער, שטומער „ליבע" ביי איר געבאָרן געוואָרן, אין 1874, איר דריט ווערק — די דערציילונג „אַלידע". עס איז געווען די פּראָבלעם פונעם „דיכטער מיט דער יונגער מיידל", באַזירט אויף אַן אינטימען אינצידענט אינעם לעבן פונעם גרויסן דייטשן דיכטער־פילאָסאָף געטהע, זיין ליבע מיט דער פרײלין פרעדעריקע בריאָן. אָנשטאָט דעם וואָס ביי אַנדערע מענטשן, וואָס קענען זיך נישט אויסלעבן אין דערווירקלעכקייט, פאַרנעמט דער חלום אין שלאָף דעם פּלאַץ פון דער ווירקלעכקייט, האָט עס ביי דער דיכטערין־טרוימערין עמאַ לאַזאַרוס זיך אויסגעשפּונען אין אַ ווערק. דאָס איז פּאַקטיש געווען טיילווייז איר פּראָבלעם. אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואוסט. געוויס האָט עמערסאָן — וועלכער איז געווען מיט 46 יאָר עלטער פון איר — אַליין נישט געהאַט דערפון די מינדסטע אַנונג און עס איז גרייכלעך מעגלעך, אַז עמאַ אַליין איז ניט געווען באַוואוסטזיניק אין דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן פּראָצעס.

עמאַ האָט געדאַרפט לערנען איר שווערע לעקציע, כדי אַראָפּצוטרייסלען פון זיך די אַלערליי פאַנטאַזיעס און חלומות, די ביכלדיקייט און די היסטאָרישע געשטאַלטן, און זיך קענען אַריינלעבן בלויז אין דער געגנוואַרט. זי האָט זיך אויך געדאַרפט באַפרייען פון דעם עמערסאָן־כּישוף. און צו דעם האָט איר ניט־ווילנדיק עמערסאָן אַליין צוגעהאָלפן.

דאָס איז געווען אין 1874, אין דעם זעלבן יאָר ווען ס'איז דערשינען איר „אַלידע". עמערסאָן איז שוין דעמאָלט געווען 71 יאָר אַלט און זיין זכרון איז שוין געווען אַן אויסגעשעפּטער. ער האָט נאָך פונדעסטוועגן באַוויזן ארויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער פּאָעזיע אונטערן נאָמען „פּאַרנאַסוס". עס איז מעגלעך, אַז די אַרבעט אויף דעם האָט ער אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק. אָבער ווען דאָס בוך איז דערשינען, איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר עמאַס פאַנטאַזיעס. ער האָט זי אויסגעלאָזט פון דער אַנטאָלאָגיע, פּונקט ווי זי וואָלט ניט עקזיסטירט. עס איז קוים מעגלעך צו דערקלערן עס מיט זיין אָפּגעשוואַכטן זכרון. יעדנפאַלס האָט עמערסאָן גופא זיך ניט באַנוצט מיט דעם אויסרייד.

די ערלעכע עמאַ האָט אים גלייך געשריבן וועגן איר שרעקלעכער אַנטוישונג. אָבער עמערסאָן האָט ניט געענטפערט אויף דעם פאַרצווייפלטן בריוו. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט נישט געענטפערט אויף אירן אַ בריוו. אומזיסט האָט זי געוואַרט כאָטש אויף אַ שוואַכן

תירוץ. אומזיסט. ער האָט זי נישט אַריינגענומען, ווייל ער האָט זיך אפשר געשראָקן פאַר דער מיינונג פון די רעדאַקטאָרן און קריטיקער פון דעם „אַטלאַנטיק מאָנטלי" — לאָועל און האועלס. די צוויי האָבן זי אַרונטערגעריסן... איז ער, איר גאָט — עמערסאָן — אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער ווירקונג... אָדער אפשר זיינען זיי טאַקע גערעכט... אפשר איז זי טאַקע ניט קיין אָריגינעלע שאַפערין?

אָבער אַזויפיל גרויסע קינסטלער האָבן זי דאָך לעצטנס אַזוי געלויבט. דזשאָן באַראָוס האָט איר געשריבן אַ ספּעציעלן בריוו, אַז וואָלט וואָלט וויטמאַן איז איצט פאַראינטערעסירט אין אירע שאַפונגען. פון פּאַריז האָט זי דערהאַלטן אַ בריוו פונעם גרויסן רוסישן קינסטלער טורגעניעוו, אין וועלכן ער הויבט זי געוואַלדיק אויף. דער בריוו איז געווען דאַטירט: סעפּט. 2טן, 1874, אין וועלכן ער זאָגט צווישן אַנדערעס:

„. . . איך פיל זיך זייער שטאָלץ מיט אייערע לויבן וואָס איר גיט מיינע ווערק — און וואָס איר שרייבט־צו מיין איינפלוס אויף אייער טאַלאַנט; אַן אויטאָר, וואָס שרייבט ווי איר שרייבט — איז נישט מער קיין „שילער אין קונסט"; ער איז נישט ווייט פון אַליין זיין אַ מייסטער."

אָבער אפילו אַזעלכע שבחים האָבן נישט געקענט אָפּווישן דעם פלעק, וואָס עמערסאָן האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. און זי האָט געמוזט פילן זייער ביטער, ווען זי האָט זיך אַליין גענומען באַשולדיקן — „. . . איך האָב קיין זאַך נישט געשאַפן, וואָס זאָל קענען אויפרודערן, אויפוועקן, לערנען אָדער עפּעס אָנהויבן; איך האָב קיין זאַך נישט געגעבן, אָן וועלכער די וועלט זאָל זיך נישט קענען באַגיין."

עמאַ׳ס מוטער שטאַרבט

דער דאָזיקער קלאַפּ האָט אָבער אין אַ געוויסן זינען זי צוגעגרייט, אַז זי זאָל קענען נעמען דעם שווערסטן קלאַפּ, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט — דעם טויט פון איר מוטער. פאַר אַזאַ איינזאַמער, און אין־זיך קאָנצענטריר־טער, ווי עמאַ לאַזאַרוס איז געווען, האָט דאָס געמיינט מער ווי אַ פאַרלוסט פון דער צערטלעכקייט און מיטגעפיל פון אַ מוטער. זי איז פאַר איר אויך געווען אַ שטיק בריק, וואָס האָט זי פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט. איצט איז שוין פאַר איר בלויז איבערגעבליבן איר אַלטער אַריסטאָקראַטישער פאָטער. איר ליבע האָט זיך אינגאַנצן אויסגעשפּרייט

אויף אים. ער גלויבט אין אירע פּייאיקייטן און אין איר ערנסט, כאָטש זיי צעגייען זיך אַזוי שטאַרק אין די בליקן אויפן לעבן...

איר וואָלט אפשר דעמאָלט פיל אַרויסגעהאָלפן צו פארגעסן אַן זיך און אַן אירע ווייטיקדיקע אַנטוישונגען, ווען זי וואַרפט זיך אַריין אינגאַנצן אין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. אָבער עמאַ איז נאָך אַלץ נישט געווען גרייט דערפאַר. זי איז נאָך אַפילו דעמאָלט נישט גרייט געווען צו קאָנצענטרירן זיך אויף אידישע ענינים. ווען דער ניו־יאָרקער „פּאָעט־באַנקיר" עדמונד סטעדמאַן האָט פאַר איר אַנגערירט דעם געדאַנק, אַז זי זאָל אירע הומאַניסטישע און אַרטיסטישע אויסדרוקן שעפּן פון די אידישע קוואַלן, האָט זי עס צוריקגעוויזן. — „איך בין טאַקע שטאָלץ מיט מיין בלוט און אָפּשטאַם" — זאָל זי אים האָבן געענטפערט — „אָבער די אידישע אידעאַלן זיינען נישט מיינע..."

אַן איינלאַדונג פון עמערסאָנען

עס האָט נאָך געדאַרפט נעמען עטלעכע יאָר ביז עמאַ זאָל אינגאַנצן איבעררייסן מיט איר פאַנטאַסטישער וועלט און דערזען קלאָרער די ווירקלעכקייט. עמערסאָן איז נאָך אַלץ פאַר איר געווען אַ זייל אַן וועלכן זי וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט. ווען עס איז פּלוצלונג, אין 1876, אָנגעקומען פון אים אַ בריוו — „נעם און קום קיין מאַסאַטשוזעטס, וואו דו ביסט, דוכט זיך, קיינמאָל נישט געווען, און פאַרברענג מיט אונדז אַ וואָך אין קאָנקאָרד. אפשר וועט זיך דיר איינגעבן אויסצוברייטערן דעם האָריזאָנט פון אונדזער דאָרפישקייט. מיין ווייב שליסט זיך אָן אין דער איינלאַדונג..."

אויף אַ ווייל האָבן פאַר עמאַן ווידער די הימלען אָנגעהויבן צו לאַכן... צו קריגן אַן איינלאַדונג פון אַזאַ פּערזענלעכקייט צו פאַרברענגען צוזאַמען אַ גאַנצע וואָך... וויפיל האָבן עס אַזוינס די זכיה!... „צען יאָר האָב איך געוואַרט אויף אַזאַ מאָמענט!" — האָט זי אויסגעשריען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך פאַר פרייד. ביי איר איז בכלל ווערט געווען שוין די רייזע גופא... אַזוי וויט פון ניו־יאָרק. דאָס ווייטסטע, וואָס זי איז פריער ווען געווען פון 14טער גאַס, איז געווען זייער זומערדאַטשע לעבן ניו־העיווען. איצט וועט עס זיין קאָנקאָרד! די מעקאַ פון די אַמעריקאַנער אידעאַליסטישע ליטעראַטן!

זי האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן צו דערזען דעם גייסטיקן מאָנאַרך ווי ער זיצט אויף זיין טראָן דאָרט צווישן אַלטע מיוחסדיקע ביימער... איר האַרץ האָט אפשר געקלאַפּט נישט שוואַכער ווי דער סאַפּענדיקער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט זי געבראַכט צו דער באַן־סטאַנציע. און

אַט איז ער טאַקע אַליין מיט זיין הויבער, דאַרער פיגור און ער האָט אַזוי־פיל גוטסקייט אין זיין מלאכיש פנימל...

ווי עמאַ אַליין דערציילט, איז זי מיט די עמערסאָנס אָפּגעוועזן אַ וואָך אין זייער „באַשיידענעם הויז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו אַ סאַד און אַ גאָרטן, אין סאַמע מיטן פון געזונטע, נאַטירלעכע איינפלוסן". קאָנקאָרד איז אַ מחיהדיקער פּלאַץ, וואָס „שמייכלט מיט זיינע שטילע לאָנקעס, שטילע בערגיקע שיפּקייטן, שטילסטע טייכן", אָבער די דאָזיקע שטילקייט פונעם הינטערלאַנד האָט זי אויף קיין רגע נישט געמאַכט פאַרגעסן וועגן דעם רויש פון געדאַנקען, וואָס טראָגן זיך אין מוח פון דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט באַוואוסט געמאַכט קאָנקאָרד איבערן גאַנצן לאַנד. און זי איז עס איצט געוואָרן אַ טייל פון קאָנקאָרד, אַן אומאָפּטיילבאַרער טייל...

כאָטש וואָס איז שייך דעם גאַנצן קרייז, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום עמערסאָנען, האָט זי געהאַט אַ היפּש ביסל רעזערוואַציעס.

עמאַ לאַזאַרוס האָט דעמאָלט מעגלעך געזען די גאַנצע אוממעגלעכע פאַנטאַסטישקייט פון די טרוימער, וואָס זוכן אַלץ ביי זיך און דערזעען נישט צוליב דעם די וועלט, וואָס אַרום זיי, און זייער אייגענע שייכות צו דער דאָזיקער וועלט. ווען זי איז אָפּגעפאָרן פון קאָנקאָרד האָט זי געלאָזן דאָרט הינטער זיך אַ היפּש ביסל פון אירע פריערדיקע איינבילדונגען און פאָרשטעלונגען וועגן דעם „מלאכים־קרייז אין מעקאַ". איין זאַך האָט זי מיטגענומען פון דאָרט — אַ פּעקל, וואָס טשענינג האָט איר מיטגעגעבן פאַרן אָפּפאָרן. ווען זי איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט זי אויפ־מאַכנדיק דעם פּעקל אויסגעפונען, אַז דאָס איז טשענינגס אַ ווערק — די ביאָגראַפיע פון הענרי ד. טאָראָ. אין פּעקל איז אויך געלעגן טאָראָס קאָמפּאַס, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן ווען ער איז אַוועק וואַנדערן אין די וועלדער פון מעין... עמאַ האָט שוין געווים דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי וויכטיק עס איז צו האָבן אַ קאָמפּאַס...

היינע פאַרנעמט עמערסאָנ׳ס פּלאַץ

פאַר עמאַן איז די „נסיעה צום רבין", דאָס פאָרן קיין קאָנקאָרד, געוועזן דער סימבאָל פון געזעגענונג. האָט זי שוין געזען דעם אָדלער אויף אויג און אים געגעבן באַוואונדערט, אָבער אין דער זעלבער צייט געזען אויך ביים אָדלער זיין וואָכעדיקע קרובהשאַפט מיט דער הון... אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, נישט קיין מלאך!

און קוים האָט זי אויפגעהערט בלינד צו גלויבן אין איר פריערדיקן

„גאָט", האָט זי שוין געמוזט נעמען איבערשאַצן פיל זאַכן... עמערסאָנס פּאָעזיע האָט איר אָנגעהויבן צו גרילצן אין די אויערן... דער מענטש איז דאָך געווען אַזוי אוממוזיקאַליש, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ טויבער... אין אַזעלכע סקעפּטישע מעדיטאַציעס און איבערטראַכטונגען האָט זי געקענט מאַכן פאַרגלייכן... מעסטן כחות... נישט אַלע מאָל, ווייסט זי, קען מען עס טאָן. אָבער ווי דורכגעדרונגען מיט מוזיקאַלישער ליריק עס איז היינע, איר „גאָט" פון די פריערדיקע יאָרן, דער זינגער, ביי וועלכן עס האָבן זיך געמיניעט אַזויפיל קאַלירפולע ניואַנסן פון וואָרט, פון קלאַנג, פון האַרמאָנישער גאַנצקייט, און אין דער זעלבער צייט מיט אַזאַ גרויסער גאַמע פון שטימונגען!

היינריך היינע (1797—1856) האָט אין זיך געהאַט מער ווי איין מאַגנעט צוצוציען די רעבעלירנדיקע יוגנט פון זיין צייט. אָבער היינעס ווירקונג האָט ווייט מער אָנגעשפּאַרט. עמאַ לאַזאַרוס אין אַמעריקע האָט זיך געלאָבט מיט היינעס ליריק שוין יאָרן נאָך זיין טויט. אירע ערשטע איבערזעצונגען זיינען דאָך געווען פון היינען. די עכאָס פון זיינע לידער האָבן ביי איר אין די אויערן אָפּגעקלונגען לענגער און פולער ווי די פון די אַנדערע ענגלישע און אַנדער־שפּראַכיקע דיכטער.

אומזיסט איז עס דאָך ניט געווען. קיין צופאַל אוודאי ניט. שווער צו זאָגן, צי עמאַ לאַזאַרוס האָט קלאָר באַגריפן די קרובהשאַפט זייערע אין אַלע אירע פאַרצווייגונגען. אָבער די דאָזיקע פאַרוואַנדשאַפט צווישן זיי וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן. ביידע זיינען זיי געווען אָנגעשיכורט מיט דער בענקשאַפט נאָך פרייהייט.

ווי מיר וועלן עס זען אַ ביסל שפּעטער, איז זייער ליידנשאַפט פאַר פרייהייט טאַקע מערסטנס געווען פאַר דער פרייהייט פון די, וואָס זיינען פאַרשפּאַרט אין געטאָס, אין טורמעס, אין קעלערן, אויף בוידעמער. אָבער היינע, ווי עמאַ לאַזאַרוס, האָבן געהאַט נאָך אַ קרובהשאַפט: ביידע האָבן זיי פאַרזוכט פונעם אַלטן אידישן קוואַל, און ביידע האָבן זיי פון צייט צו צייט אָבער־אַמאָל און ווידער־אַמאָל זיך אומגעקערט צו אים. ביידע זיינען געווען פרעמד, אויב נישט אייז־קאַלט צו יעדער רעליגיע און ממילא אויך צו דער אידישער רעליגיע, און דאָך האָבן זיי שאַרף באַקעמפט אירע אַטאַקירער מצד די קריסטלעכע פאַנאַטיקער און שטאָלצירט מיט זייער אָפּשטאַם. היינע האָט עס געטאָן אַפילו נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געשמדט. און אפשר וועט זיין ריכטיקער צו זאָגן, אַז ער איז דעמאָלט אפשר געוואָרן נאָך אַ הייסערער קעמפער פאַר די רעכט פון די אידן צו זיין וואָס זיי זיינען און ביטער באַקעמפט די אַנטיסעמיטן; דאָס איז

געווען אַ מין נקמה אָן דער אַנטיסעמיטישער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וואָס האָט אים, מיט אירע אויסנאַם־געזעצן קעגן אידן, אַראָפּגעשלעפּט צו דער דערנידערונג פון שמדן זיך.

עמאַ איז נישט געשטעלט געוואָרן צו אַזעלכע נסיונות, ווי היינע. זי איז אויך געווען פריי פון היינעס ספּאַזמאַטישע, אימפּולסיווע האַנדלונגען און פון זיינע געוואַלטיקע ווידערשפּרוכן. היינע האָט סיי־ווי נישט געקראָגן די דערוואַרטעטע רעגירונגס־שטעלע. ער האָט זיך גענומען צו ליטעראַטור און סוף־כּל־סוף פאַרלאָזן זיין דייטשיש פאָטערלאַנד און באַזעצט זיך אין פּאַריז. אָבער עמאַ לאַזאַרוס האָט פאַרענדיקט איר יונג לעבן, ניט בלויז ווי אַ געטרייע אידישע טאָכטער, נאָר ווי אַ קעמפערישע, העלדישע פירערין פון אידישן פאָלק. פון אַ שטילער, צוריקגעצויגענער, פאַרחלומטער אין־זיך־פאַרשלאָסענער דיכטערין, איז זי געוואָרן אַ דרייסטע קעמפערין. אין דעם דאָזיקן קער האָבן היינעס שריפטן, אין וועלכע זי האָט זיך פאַרטיפט, נישט געשפּילט קיין מינדערוויכטיקע ראָלע.

זי האָט געמאַכט דעם קער אין די לעצטע צען יאָר פון איר לעבן. אויך ביי היינען איז פאָרגעקומען דער זעלבער פּראָצעס. וואָס ווייטער אין זיין לעבן איז ער אַלץ געוואָרן מער באַוואוסטזיניק אין זיין „אידישקייט". נישט אין אַבסטראַקטן פּלאַטאָנישן זין, נאָר טאַקע אויף אַ מער קאָנקרעטן אופן. ער האָט אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין אידן.

היינע, און עמאַ לאַזאַרוס מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, זיינען געבוירן געוואָרן אין בורזשואַזע פאַמיליעס. אין זייערע יונגע יאָרן האָבן זיי קיין האָרעפּאַשנע אידן פאַר זיך נישט געזען. היינע האָט געהאַט אַ היפּש ביסל אורזאַכן פיינט צו האָבן די אידן, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך אין דיסעלדאָרף. אַלץ וואָס ער האָט פון זיי געהערט איז געווען געשעפט, בירזשע, פּראָצענטן, וועקסלען. אויך עמאַ לאַזאַרוס האָט קיין סך אַנדערע אידן נישט אָנגעזען אין די אויגן אין אירע יונגע יאָרן.

אויף וויפיל זיי ביידע האָבן אין זייערע פריע שריפטן, דאָ און דאָרטן, אַרויסגעוויזן ליבשאַפט צו אידן, איז דאָס געווען צו די שוין לאַנג־פאַרשוואונדענע, דערהויבענע, היסטאָרישע געשטאַלטן, צו די שיינגייסטער, צו די ווירדיקע, מיסטעריעזע פּאַטריאַרכאַלע געזעצגעבער, צו די נביאים און פאָלקס־העלדן, צו די דיכטער־פילאָזאָפן פון דער מיטלאַלטערלעכער „גאָלדענער עפּאָכע" און צו די מאַרטירער פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. דאָס איז געווען אַ ליבע — אַ ריין עטישע און עסטעטישע — אָבער אַ ווייטע, אַ לעגענדאַרע. צו די אידן, וואָס זיי האָבן געקענט אין בלוט און פלייש האָבן זיי געהאַט אַזאַ שייכות אין זייערע אויגן, ווי די איצטיקע

גריכישע הענדלער האָבען אַ שייכות מיט פיטאַגאָראַסן און אַריסטאָטלען.
כדי צו דערווייזן די נאָבלקייט פונם געראָדפטן אידן האָט הייגע ערשט געדאַרפט גיין צום מיטלאַלטער און אויסדיכטן זיין „רב פון באַכראַך", און עמאַ לאַזאַרוס אַליין האָט געמוזט ערשט אוועק אין איר פאַנטאַזיע צו דער אַלטער, פוסטער שול פון ניופּאָרט, ראָוד אײַלענד, כדי אַרויסצוברענגען דעם „אַמאָל איז געווען". ווייל די ניופּאָרטער אידישע קהילה, וואָס איז געווען די גרעסטע אין לאַנד ביז דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה פון 1776, איז שוין צו זיך נישט געקומען נאָך דער פאַרוויסטונג פון דער שטאָט דורך די ענגלענדער. אגב, איז דאָס די זעלבע שול, וואָס איז אין אָנהייב 1946 דערקלערט געוואָרן פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַ נאַציאָנאַלער דענקמאָל פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע.

אין דער אידישער שול פון ניופּאָרט

דאָ, וואו דער טומל און הו־הא פון דער שטאָט,
און דער קראַך פון די ים־כוואַליעס קאָן ניט דערגיין,
קומען מיר שטיל אַריין מיט געמאָסטענעם טראָט
און בלייבן מיט אָטעמס פאַרכאַפּטע דאָ שטיין.

קיין סימן פון לעבן . . . די תּפילות אַליין
פאַרקריצט זיינען דאָ אין אַ לאַנג־טויטן לשון;
דאָס ליכט פון נר תּמיד, מיט זיין אייביקן שיין,
האָט לאַנג דאָ געצאַנקט און איז שוין פאַרלאָשן.

וואָס פאַר אַ תּפילות, געבעטן און צאָרן,
האָבן דאָ די ווענט פונם טעמפּל געהערט,
פון הערצער פון וואָגלער פאַר טויזנטער יאָרן,
פונם זוניקן לאַנד, וואָס האָט זיי געבערט!

און זי פאַרענדיקט דאָס עלף־פערזיקע ליד מיט —

'דעסטוועגן איז אַלץ נאָך הייליק דאָ דער אָרון,
דער דיל איז הייליק דאָ און אַ יעטווידער טראָט.
צי אַראָפּ די שיך, ווי ביים ברענענדיקן דאָרן,
פאַר דעם טיפן סוד פון טויט און פון גאָט!

עס איז אַ הייליקייט נישט פֿון דעם איצטיקן, נאָר אַלץ פֿונעם אַמאָליקן. עס איז אויף קומען אָנקוקן, באַוואונדערן מיט ערפֿורכט דעם טיפֿן סוד פֿון טויט און גאָט . . . אָבער עמאַ איז בלויז 18 יאָר יונג געווען, ווען זי האָט געשריבן דאָס ליד.

און פּונקט ווי אַ סך פֿון היינעס ווידערשפּרוכן נעמען זיך פֿון דעם פֿאַקט, וואָס ער האָט געלעבט אין אַ צווישנצייט פֿון צוויי עפּאָכעס, ווען דאָס אַלטע, דאָס פֿעאָדאַלע, האָט זיך נאָך נישט אָפּגעזעגנט און דאָס נייע, די בורזשואַזיע, האָט זיך נאָך געוואַקלט אויף די פֿיס פֿון „קינדער־שוואַכ־קייט" און שוין געקראָגן סטיכישע שטויסן פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, אַזוי איז עמאַ לאַזאַרוס אויפֿגעוואַקסן אין דער צווישן־עפּאָכע פֿונם בירגער־קריג און פֿון דעם אויפֿבוי־פּעריאָד און צווישן די צוויי צייט־אָפּשניטן אין דער אַנטוויקלונג פֿונם אידישן ישוב דאָ אין לאַנד.

אַרום מיטן יאָרהונדערט, ווען עמאַ לאַזאַרוס איז געבוירן געוואָרן, זיינען אינגאַנצן דאָ געווען וואָסערע 50 טויזנט אידן (1848) אין אַן אַל־געמיינער באַפֿעלקערונג פֿון אַרום 23 מיליאָן. אין די 80־ער יאָרן, אָבער, ווען זי איז געוואָרן איינע פֿון די אַקטיווסטע פּראָנט־קעמפֿערינס פֿאַר אונ־דזער פֿאָלק אין יענער צייט, זיינען שוין דאָ געווען אַרום פֿינף מאָל אַזוי־פֿיל אידן — איבער אַ פֿערטל מיליאָן, און עס האָט ערשט געהאַלטן אין אָנהייב פֿאַנאַנדערוויקל פֿון דער גרויסער אימיגראַציע, וואָס האָט זיך גע־נומען ציילן יערלעך אין די הונדערטער טויזנטער, אין אַ באַפֿעלקערונג, וואָס האָט זיך פֿאַר דער צייט בלויז פֿאַרגרעסערט אויף עפּעס מער ווי צוויי מאָל אַזויפֿיל. אידן האָבן זיך שוין מער אָנגעזעזן. עס זיינען אַנטשטאַנען פּראָבלעמען. עס האָבן זיך געפֿאָדערט לייזונגען, אַרויסטרעטונגען, אַק־ציעס, קאַמפֿן.

קאָנצענטרירנדיק זיך נאָכאַמאָל אויף היינען, נאָכדעם ווי זי האָט אַרומגעוואַנדערט אין די בלומען־גערטנער פֿון אַנדערע זינגער, פֿון אַזעלכע ווי לעאָפּאַרדי, געטהע, פּעטראַרך און אַלפֿרעד דע מוסעי, קוים האָט זי זיך באַפֿרייט פֿונם עמערסאָן־כישוף, האָט זי גענומען אין אים געפֿינען נייע חנען. אין דעם עלטער פֿון דרייסיק יאָר דערנקט זיך שוין טיפֿער, ווי אין די צענער יאָרן. אין איר אָפּשאַצונג פֿון היינען, וואָס זי האָט אָנגעשריבן פֿאַר איר נייעם באַנד היינע־איבערזעצונגען, שטעלט זי זיך טאַקע אָפּ מערערע מאָל אויף היינען דעם אידן. און איר שטודיום וועגן היינען האָט אויף איר געמוזט מאַכן אַ גרויסן רושם ווען זי האָט געלייענט ווי אַזוי איר באַליבטער זינגער איז זיך מודה, אַז —

„. . . איצט ערשט באַנעם איך, אַז די גריכן זיינען בלויז געווען

שיינע יונגען, אָבער די אידן זיינען שטענדיק געווען מ ע נ ע ר, קרעפּ־טיקע, עקשנותדיקע מענער, נ י ט ב ל ו י ז פּ אַ ר צ י י ט נ ס, נ אָ ר א ו י ך ב י י ה י י נ ט י ק ן ט אָ ג. נישט קוקנדיק אויף די 18 יאָרהונדערטער פון נגישות און פּיין. איך האָב אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן זיי בעסער צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן זיי העכער ווי איך האָב עס פריער געטאָן, און אויב דער שטאָלץ מיט יחוס וואָלט נישט שטענדיק געווען קיין נאַרישער ווידערשפּרוך, וואָלט איך זיך מעגלעך געפילט שטאָלץ מיט דעם פאַקט, וואָס מיינע פאָרעלטערן זיינען געווען מיטגלידער פונם נאָבעלן ישראל און אַז איך קום אַרויס פון יענע מאַרטירער, וואָס האָבן געגעבן דער וועלט אַ גאָט און אַ מאָראַל, און וועלכע האָבן געקעמפט און געליטן אויף אַלע שלאַכט־פעלדער פונם געדאַנק."

— „ניט בלויז פאַרצייטנס, נאָר אויך ביי היינטיקן טאָג". עמאַ האָט זיך מסתמא געמוזט אָפּשטעלן ביי דעם. אירע געדאַנקען האָבן געקערט לויפן הין און צוריק, רעפלעקטירן אויף געוויסע אינצידענטן, באַגעגענישן, לעצטע קאָנפליקטן. נישט אַזוי ראַפּטאָם ווי דער אידיש־דייטשער דיכטער מיט זיינע בסדרדיקע שאַרפע אויסברוכן, אָבער ביסלעכווייז, שטופּנווייז, האָבן די דאָזיקע געדאַנקען היינעס גענומען זי באַלאַגערן פון אַלע זייטן. עס איז געווען בלויז אַ פראַגע פון קומען צו אַ שייד־וועג, אַז זי אַליין זאָל מאַכן נאָך אַ שטאַרקערן קער, ווי היינע אין זיינע עלטערע, רעפלעקטירנ־דיקע יאָרן.

נאָכמער זעט זי די ווידערשפּרוכן אין איר באַליבטן דיכטער אין אירער אַ שפּעטערדיקער אָפּשאַצונג; זי זעט זיינע ליידן, די אינעווייניק־סטע קאַמפן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, זיין מאָראַלע און אינטעלעקטו־עלע אומאויסגעהאַלטנקייט, און זי אַנאַליזירט אים:

„. . . ער איז געווען אַ א י ד מיט אַ קאָפּ און אויגן פון אַ ג ר ע ק. אַ געצנדינערישע נשמה, וואָס האָט ליב געהאַט שיינקייט און לעגענדע־שפּינונג, איז געווען אַריינגעזעצט אין אַ אידישער ראָם; אָדער גיכער איז זי געווען צוזאַמענגעפּאָרט, ווי דער אומגליקלעכער סיאַמער צווילינג. מיט פונקט אַזאַ מעכטיקער צווייטער נשמה — אַ שטאָלצע, רעבעלירנדיקע, אָריענטאַלע אין איר ליבע צום נעפּל־האַפטן, מיסטעריעזן, גראָטעסקן, און טראַגישן מיט די צוויי־טויזנט יאָר ליידן פון די אידן. אין היינען דעם אידן איז דאָ אַ טיפקייט פון מענטשלעכער סימפּאַטיע, אַ מיסטישע וואַרעמקייט און גלי פון פאַנ־טאַזיע, אַ פּאַטאָס, אַן ענטוזיאַזם, אַן אובאַזינגבאַרער ווידערשטאַנד צו

יעדן מין קנעכטשאפט, וואָס איז אינגאַנצן אין קעגנזאַץ מיט די אייגנ־שאַפטן פון הײנע דעם גרעק. פון דער צווייטער זייט איז דער גריכי־שער היינע געבוירן געוואָרן פאַר געלעכטער און זונשיין . . . היינט איז זיין מוזע די שיינע הערַדיאַס, די טויבן־אויגיקע שולמית, מאָרגן וועט זי זיין ווענוס . . . די געטין פון דער בליענדיקער העלאַס (גריכנ־לאַנד). ער באַקלאָגט דעם חורבן ירושלים מיט די האַרץ־רייסנדיקע אויסדרוקן פון די נביאים. ער גלאָריפיצירט משהן (משה רבינו), „דעם גרויסן באַפרייער, דעם העלדישן וועגווייזער צו פרייהייט, דעם שרעקלעכן שונא פון אַלע מינים שקלאַפעריי! וואָס פאַר א גלאָררייכע פערזענלעכקייט!" — רופט ער אויס. „ווי קליין קוקט עס אויס דער באַרג סיני, ווען משה שטייט אויף זיין שפיץ!" ער איז זיך מודה, אַז אין זיין יוגנט האָט ער נישט גענוג פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן גרויסן מייסטער און נישט דאָס אידישע פאָלק."

אָבער אַזוי האָט עמאַ לאַזאַרוס געשריבן שוין אין 1884, ווען זי איז שוין געווען נישט איינמאָל אין קאַמף פאַר איר פאָלק און זיך אים שוין געהאַט אינגאַנצן געווידמעט. מיר זיינען אביסל פאַרלאָפן דעם וועג. מיר מוזן צוריקקומען צום שייד־וועג, ווען די געשיכטע האָט איינגעלאַדן עמאַ לאַזאַרוס צו ווערן א טייל פון איר . . .

אין באַריר מיט דער ווירקלעכקייט

דער לעצטער פערטל פונם 19־טן יאָרהונדערט האָט מיט זיך באמת פאַרגעשטעלט א שייד־וועג אין דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק. א פאַר־שטאַרקטע רעאַקציע אין אייראָפּע נאָך דער פאַריזער קאָמונע ברענגט אַרויס אין פאָדערגרונט א פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם. דער קאַפּיטאַ־ליזם ברענגט דאָס דאָרף אין באַוועגונג. די עמיגראַציע פון דאָרף צו שטאָט אין רוסלאַנד נאָך דער „פויערים־באַפרייאונג" פון 1861 פירט צו גרויסע סאָציאַלע איבערשיכטונגען. פיל אידן, וואָס האָבן געצויגן זייערע פּרנסות פון די פריצישע הויפן, ווערן א פינפטער ראָד צו א צעפאָרענעם וואָגן. מ'זוכט פרנסה, מ'וואַרפט אומעטום אויגן. די „גאָלדענע גליקן" פון אַמעריקע לאָזן זיך הערן. הייבט זיך אויף אַזאַ אופן אָן צו פאַר־שטאַרקן דאָס שטראָמל, וואָס האָט זיך שוין געצויגן קיין אַמעריקע היפּשע עטלעכע יאָר. און ווען עס האָבן נאָך אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן א קלאַפּ געטאָן די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד, איז פון דעם שטראָמל געוואָרן א ב ר י י ט ע ר שטראָם. מאַסן אידן האָבן זיך גענומען רירן פון די ערטער, וואָס א יאָר אין אַלץ גרעסערע און העכערע צאָלן. פאַרן

אידישן פאָלק האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ מין צווייטער יציאת מצרים.

די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אומעטום. אָבער דאָ, אין אַמעריקע, האָבן די געלע צייטונגען נישט אויפגעקלערט דעם עולם וואָס־און־ווען. ס'איז געווען אַ גוטע סענסאַציע. בלויז איייניקע ליבעראַלע צייטונגען האָבן קלאָר געמאַכט, אַז די דאָזיקע פּאָגראָמען זיינען צוגעגרייטע, אויספּלאַנירטע פון דער צאַרישער רעאַקציע; אַז דאָס דינט דעם צאַריזם נישט בלויז אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פונם ברייטן עולם פון דער אומצופרידנהייט מיטן הונגער, נויט און קאָרופּציע. בלויז ווייניקע האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז דער הערשנדיקער קלאַס וויל דורך דעם אויך טעראָריזירן די אידן, אַז זיי זאָלן נישט אַריינגעצויגן ווערן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אָבער דערווייל איז דער אינטערעס פון דער „בעסערער געזעלשאַפט" געשטיגן צו די נייגעקומענע אידן, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרן פון צאַרן־לאַנד. און אַזוי איז אויך עמאַ לאַזארוס, צוזאַמען מיט אַ גרופּע ניו־יאָרקער פרויען, געקומען אין די ערשטע אויגוסט־טעג פון 1881 מיט אַ באַזוך אין וואָרדס איילענד, דער דעמאָלטיקער „עלים־איילענד". זיי זיינען געקומען באַגעגענען אינם מיטן פון איסט־ריווער, אַנטקעגן דעם אויבערשטן טייל מאַנהעטן, אַ גרעסערע גרופּע אידן, וואָס אַ טרעמפּ־שיף האָט אויסגעלאָדן. זיי זיינען געווען נייגעריק צו זען ווי אַזוי אָט־די קבצנישע „אומוויסנדיקע", באַבערדיקטע אידן זעען אויס . . .

אַרום 250 נפשות זיינען געווען אין דער גרופּע. אייניקע פון זיי זיינען געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער. זיי האָבן זיכער נישט געוואוסט, אַז צווישן די גלאַט־קוריאָזע דאַמען, וואָס באַקוקן זיי מיט אַזעלכע מאָדנע ווייטע אויגן, געפינט זיך איינע, ביי וועלכער עס האָבן זיך געעפנט אַלע קוואַלן פון מוטערלעכקייט און שוועסטערלעכקייט. ווי זי אַליין דערציילט, איז זי געווען גערירט צו זען ווי עס „טוליען זיך צוזאַמען מענטשן מיט גלענצנדיקע טאַלאַנטן און דערגרייכונגען — גראַדואירטע פון רוסישע אוניווערסיטעטן, געלערנטע, וואָס קענען אַלט־גריכיש פּונקט אַזוי גוט ווי העברייאיש, און זיינען באַקאַנט מיט אַלע הויפּט־שפּראַכן פון אייראָפּע — און זיי זאָלן זיך האָבן געהאַט פאַרנומען מיט קנעכטישער פּראַצע און ברענען גאָר מיט אַ הייסן פאַרלאַנג צו העלפן זייערע אומגליקלעכע מיטגלויבער."

צי האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען גענוי, וואָס די דאָזיקע אידן האָבן צו איר גערעדט, צי זי האָט זיך פיל געדאַרפט אָנשטויסן, איז אָבער זיכער איין זאַך: אפילו אויב זי וואָלט נישט געקענט קיין איין אַנדער שפּראַך

אויסער ענגליש, וואָלט זי אויך געקענט אראָפּליִיענען פון די פּנימער אראָפּ, פון זייערע ברענענדיקע אויגן, אַז זי האָט דאָ נישט צו טאָן גלאַט אַזוי זיך מיט שלעפּערס, צי מיט געבראָכענע בעטלערס. אָט ריידן זיי מער פון די, וואָס זיי האָבן געלאָזן הינטער זיך ווי זיי ריידן וועגן זיך אַליין.

פּנים אל פּנים מיט לעבעדיקע פאַקטן

צום ערשטן מאָל אפשר אין איר לעבן איז זי געשטאַנען אויג אויף אויג מיט פאַרפאָלגטע און געיאָגטע. אַלץ וואָס זי האָט זיך פריער פאָרגעשטעלט אין איר פאַנטאַזיע איז דאָך אַזוי בלאַס אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס זי זעט איצט פאַר זיך. אַלץ וואָס זי האָט פריער זיך אָנגעלייענט וועגן אַזעלכע מענטשן אין די ביכער, און וואָס זי אַליין האָט געפּרואווט אויסמאָלן מיט איר אינטואיציע איז דאָך ווי שפּינוועב אין פאַרגלייך מיט דער ווירקלעכקייט. און דאָס זיינען דאָך פאַקטיש אירע ברידער . . . איר פלייש און בלוט . . . זי ווייסט איצט נישט ווער עס האָט איצט מער רעכט צו שטאָלצירן מיטן אידישן מאַרטירער־גייסט: זי — אַן עלטער־עלטער אייניקל פון די וואָס האָבן זיך געסמאַליעט אין די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע, צי די וואָס האָבן ערשט אָ אַליין געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין . . .

זי האָט גלייך דערפילט ווי איר אַריסטאָקראַטישער ספרדים־יחוס ווערט ווי אַ נעפּל צעגאַנגען ווען זי שטייט פּנים צו פּנים מיט די וואָס זייער יחוס איז אין זיי גופא; אַז זי, די דיכטערין, וואָס האָט זיך פריער אַזוי געזאָרגט וואָס זי האָט נישט אין זיך „קיין זאַך וואָס זאָל קענען אויפרודערן, אויפוועקן, לערנען אָדער אָנהויבן", האָט איצט פאַר זיך אַזאַ גרויסע אויפגאַבע, וואָס איז פיל וויכטיקער ווי נאָך אַ באַנד דיכטונג בלויז צוליב שיינקייט און דערהויבנקייט פון קונסט.

אָט יענע באַגעגעניש אויף וואָרד־איילענד מיט דער קליינער גרופּע פון 250 אַנטרונענע אידן, איז געווען פאַקטיש איר סימבאָלישע באַגעגעניש מיטן לעבעדיקן, רעאַלן, בלוטיקנדיקן אידישן פאָלק. מיט אים האָט זי זיך איצט פאַרקניפּט און פאַרבונדן. זי דאַרף שוין איצט נישט זוכן קיין טעמעס. דאָס איז איר טעמע. זי דאַרף נישט קיין מיטאָלאָגישע פיגורן, קיין אַלטע פאַסטאָראַלע געשטאַלטן. אויב זי וועט זיך איצט מיט זיי באַנוצן, וועט עס בלויז זיין ווי אַ מיטל צו באַלייכטן בעסער דעם שיין פון די היינטיקע ליידנדיקע און געפּייניקטע ברידער און שוועסטער אירע.

יאָ, אויב זי האָט פריער אויך געהאַט אַן אינטערעס אין דער אַלטער אידישער דיכטונג פון דער גאָלדענער עפּאָכע פון שפּאַניע און האָט

איבערזעצט לידער פון שלמה בן גבירול און יהודה הלוי, איז עס נאך אלץ געווען ביי איר די בריק, וואס האט זי אוועקגעפירט אין דער לאנג־שווין פארגאנגענער צייט. האט זי זיך געקענט באנוגענען מיט איבערזעצן זיי פון דייטש, צי פון שפאניש. אנדערש איז עס אבער געווארן מיט איר, ווען זי האט דערזען די נויטקייט צוצורוקן וואס נעענטער דעם נעכטן, כדי מיט זיין ליכט באליכטן דעם היינט און קענען דורך אים אנצייכענען די קאנטורן פונם מארגן. זי האט זיך גענומען לערנען העברייאיש, טאקע נאר דעם צוועק. זי מוז איצט קריגען א דירעקט ליכט, נישט ק י י ן אפשיין.

און נישט בלויז העברייאיש האט זי גענומען פלייסיק לערנען. זי האט זיך אויף פארשיידענע אופנים דערקליבן צו די אוצרות, וואס זיינען צעווארפן אין אלע ווינקעלעך פון דער אלטער ליטעראטור. אין די שריפטן פון איר לעצטן צענדליק יאר, קאן מען געפינען ציטאטן פון מדרש, פון תלמוד. זי ציטירט אידישע געלערנטע פון טויזנט יאר צוריק. זי האט זיך ווידער א נעם געטאן צו דער אידישער געשיכטע, דורכגעדרונגען טיפער און ברייטער אייניקע פעריאדן, וואס האבן זי מער אינטערעסירט. מעגלעך, אז אין ד ע ר צייט, צי עטוואס פריער, האט זי אנגעשריבן איר היסטארישע טראגעדיע „דהי דענם טו דעטה" — דער טאנץ צום טויט — וואס האט באהאנדלט די פארפאלגונגען פון די אידן אין דייטשלאנד אין פערצנטן יארהונדערט. אויך א „ווייטע" טעמע, אבער אין דעם ליכט פון די אידן־פארפאלגונגען אין צארישן רוסלאנד, מיט דער פארשטארקטער אנטיסעמיטישער אגיטאציע אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך, ווערט עס א „נאענטע" טעמע, אן אקטועלע. זי האט געווידמעט די טראגעדיע צו דזשארדזש עליאט, דער בארימטער שרייבערין, הומאניסטקע און קעמפע־רין פאר דער אויפלעבונג פונם אידישן פאלק אויף א מלוכה־מאסשטאב אין יענער צייט.

אין קאמף קריגט איר טאלאנט א נייעם גלאנץ

אין גיכן האט זיך פאר עמא לאזארוס געשאפן די געלעגנהייט אויס־צופרואוון אירע נייע כוחות און וואפן. אין דעם „סענטשורי מעגעזין", אין וועלכן זי האט מיטגעארבעט, איז אינם אפריל־נומער פון 1882 דער־שינען אירער אן ארטיקל וועגן לארד ביקאנספילד, דער שטאטס־נאמען פון בענדזשאמין דיזראעלי, וואס איז געבוירן געווארן אין א אידישער פא־מיליע און איז אפגעשמדט געווארן אין עלטער פון ניין יאר. זי פאלעמי־זירט דארט מיטן בארימטן דעניש־אידישן קריטיקער געארג בראנדעס. זי האלט, אז ביי אלע זיינע חסרונות איז דער פירער פון דער קאנסערוואטי־

וועֶר פּאַרטיי אין ענגלאַנד יאָ געווען אַ רעפּרעזענטאַטיוועֶר איד. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין קעמפּערישער אַרטיקל. עס האָט נאָך געשמעקט מיטן אַפּאָלאָגעטישן ריח. זי פאַרענטפערט זיך דאָרט, אַז בכלל זיינען גאָר גרויסע מענטשן זעלטנהייטן ביי יעדן פאָלק. מ׳וואָלט געקענט דעם דאָזיקן אַרטיקל צורעכענען צו איר פריערדיקן פּעריאָד.

אָבער אין דעמזעלבן נומער פונם „סענטשורי מעגעזין" איז דערשי־נען צווישן אַנדערע אַן אַרטיקל פון דער שפּעטער טרויעריק־באַרימטער מאַדאַם ראַגאָזין „די רוסישע אידן און גויים". דער אַרטיקל האָט עס געדאַרפט ווייזן דעם כלומרשט „רוסישן שטאַנדפּונקט" בנוגע די פּאָגראָ־מען אין דרום־רוסלאַנד. דיזעלבע מאַדאַם ראַגאָזין האָט זיך עס שפּעטער באַטייליקט אין „אַנטדעקן" די כלומרשטע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". אָבער קענטיק אַלס אַן אויפגאָב האָט זי דערוויל געפּרואווט דערווייזן, אַז די אמתע געליטענע און ליידנדיקע זיינען נישט די אידן, נאָר פאַרקערט — די קריסטן. די אידן פאַרפאָלגן די קריסטן . . . זיי גראָבן אונטער דעם וואוילזיין פון דער גרעסטער אימפּעריע אויף דער וועלט . . . אַ ראיה — די מאַכמעדאַנער זיינען אויך אַ מינאָריטעט אין רוסלאַנד און קיינער מאַכט אויף זיי נישט קיין פּאָגראָמען . . . זי שטיצט זיך אין פיל פּרטים אויפן משומד בראַנפמאַן, אַ משומד־פּראָוואָקאַטאָר און פעלשער, וואָס האָט אַרויסגעפּליקט ציטאַטן פונם תלמוד, כדי צו דערווייזן די אומווירדיקייט פון די אידן. דער אַרטיקל איז געווען גענוג גיפטיק, אַז ער זאָל אָנרירן עמא לאַזאַרוסן ביזןביין אַריין, און איר ענטפער אויף אים האָט געוויזן, אַז די אידן אין אַמעריקע האָבן אַרויסגערוקט פון זיך אַ פּראָנט־קעמפּערין פון ערשטן ראַנג.

ניט וואָס דער ענטפער האָט נישט איבערגעלאָזן קיין איין און איינ־ציקן שטיין פון דער געביידע, וואָס די צוררת היהודים, די אידן־פרעסער־קע, האָט מיט אַזויפיל מי אויפגעבויט. אַוודאי האָט עמאַ אַרויסגעוויזן, וועדליק פאַר אַן אַמעריקאַנער געבוירענער אידישער פרוי, אַ וואונדערבאַרע געלערנטקייט אין אידישע ענינים, אין אידישער געשיכטע. אַוודאי האָט זי געהאַט אויף איר זייט די לאָגיק. ניט דאָס איז דער וואונדער! דאָס נייע, דאָס שטוינענדיקע אין דעם אַרטיקל איז געווען עמאַס קריגערישער טאָן. אין יעדער שורה האָט געגליט אַרויסרוף; פון יעדער הנחה האָט זיך אַרויסגעוויקלט אַ מעכטיקע קאָנטער־אַטאַקע.

די זעלבע עמאַ לאַזאַרוס, וואָס האָט פריער אין אירע אויסגע־טראַכטע סיטואַציעס, אין איר פרואוון זיך אַריינלעבן אין די פאַרצייטיקע איבערגעטריבענע טיפּן, נישט געקענט געפינען די פּאַסנדיקע ווערטער און ס׳איז אויסגעקומען אַזוי ווי זי וואָלט טרעטן אַ באָרוועסע אויף גלאָז,

האָט אין אַ רעאַלער קאַמפּס־סיטואַציע באַקומען אַ פּרייען, אָפּגעפּרישטן, איבערצייגנדיקן, פּליסיקן לשון. זי האָט זיך געטאָן אַ רוק אַרויס מיט דעם דאָזיקן קאַמפּס־אַרטיקל אין סאַמע פּראָנט.

דער עיקר איז דאָ געווען נישט די פ אַ ר ט ײ ד י ק ו נ ג פון די רוסישע אידן, נאָר דער איבערגאַנג צו דעם אָ נ ג ר י ף קעגן יעדן מין פאַרפאָלגונג. אידן האָבן זיך נישט פאַרוואָס צו פאַרענטפערן, פּונקט ווי ק י י ן פאַרפאָלגטער דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן. דאָס, דאַרף מען זען, זאָל דאַרפן טאָן דער פאַרפאָלגער. נישט אומזיסט האָט זי אוועקגעשטעלט ווי אַ מאָטאָ איבער דעם דאָזיקן אַרטיקל צוויי שורות, וואָס זי האָט געפונען אין אַן אַלטער פּיעסע:

„לאָמיר גאָט דאַנקען פאַר מאַכן אונדז פאַרן מערזשל,
נישט פאַרן שטויסל."

קוים האָט זי דערפילט דעם ערשטן ריח פון פּולווער און זי האָט אָנגעטאָן אירע קאַמפּס־קליידער, איז שוין נישט געווען מער קיין פראַגע מיט וועלכן געווער צו באַנוצן זיך. איר אַלט געווער — איר ליד, מוז אויך באַנייט ווערן. מיט שטאָלץ האָט זי אויסגעשטעלט איר ברוסט פאָראויס און גענומען זינגען אירע „סאָנגס אָוו עי סעמאַיט", לידער פון אַ סעמיט. מעכטיק האָט אַרויסגעשאַלט איר ליד „דהי בענער אָוו דהי דזשו" — „די פאָן פונם אידן" — אַ וועקרוף צו דערמאָנען זיך די העלדנטאַטן פון די מאַקאַבייער — „זאָלן אַ מיליאָן נאַקעטע שווערדן ווידער אויפבליצן!"

אָ, טראַכט נישט, אַז טויט איז דאָס קריגערישע פייער,
אָ, זאָג נישט, אַז דער מיסטישער פלאַם איז פאַרלאָשן!

בעט זי זיך אין איר עקסטאַז און פאָדערט, אַז אַ צווייטער עזרא זאָל קומען און אויפהייבן די אידישע פאָן. ווייל ס'איז דאָך נישט בלויז קיין פראַגע פון ענטפערן דעם שונא און צעשלאָגן זיינע אַרגומענטן. זי האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז דער עיקר איז אויפצואוועקן די אידן גופא. זאָלן זיי אָנהייבן צו דערפילן, אַז זיי זיינען נישט קיין געוועזענע, נאָר אַז זיי זיינען נאָך איצט אויך אַ כוח, אַ לעבעדיקער און אַ ווירקנדיקער.

עמאַ לאַזאַרוס האָט גענומען אַנטוויקלען אַן אַלזייטיקע טעטיקייט אָט אויף דעם געביט אַריינצובלאָזן אין די טויטע ביינער אַ נייעם לעבנס־גייסט. צו פאַמעלעך האָבן זיך די אַמעריקאָנער אידן באַוועגט אין זייערע אַקציעס פאַר די שווער־געטראָפענע אידן אין מזרח־אייראָפּע. בערג מיט אַרבעט וואַרטן — צו לינדערן די ווייטיקן, שפּייזן די הונגעריקע, קליידן די נאַקעטע, אומקוקן זיך אויף די פּליכטלינגען. און אין לאַנד גופא זיינען שוין געווען געניג הילפלאָזע, אַז זי זאָל זיך שטאַרק זאָרגן פאַר זייער גורל — לערנען זיי נייע מלאכות, איבערפירן זיי אין נייע פּלעצער, מאַכן זיי היימי־

שער אין לאנד. אין דעם הינזיכט האט זי מיטגעארבעט מיטן אידישן פראגרעסיוון כלל־טוער מיכל הײלפּערין און אפילו מיט קאנסערוואטיווע אידישע טוער. איר רוף צו אײניקײט פון אלע אידן, אן אונטערשײד פון ריכטונג, אין דעם אחריותפולן היסטארישן מאמענט, קלינגט ווי ער וואלט אנגעשריבן געווארן אין דער צײט פונעם איצטיקן גרויסן אידישן אומגליק.

שאפט א סינטעז פון אידישקײט און סאציאליזם

סײ איר פּראזע פון יענער צײט, סײ איר ליד, דארף ניט זוכן קײן פּלאץ וואו אפּצוזעצן זיך, ווי דאס איז געווען דער פאל אין אירע יונגע יארן, ווען מ׳פלעגט איר צוריקשיקן אירע לידער פונם „אטלאנטיק מאנטלי". איר נאמען איז שוין אריינגעפלאכטן אינעם קראנץ פון דער אמעריקאנער און אידיש־אמעריקאנער דיכטונג. דער „סענטשורי מעגע־זין" און „דהי קריטיק" דרוקן אירע זאכן זײער פּראמינענט. דער אידיש־ענגלישער זשורנאל „דהי אמעריקען היברו" האט צוגעקראגן פיל פּרעס־טיזש דורך אירע קרעפטיקע אידישע לידער. אזוי ווערן אויך באגריסט אירע נײע איבערזעצונגען פון בן־גבירול און יהודה הלוי. אירע טעמעס זײנען אקטועל־אידישע און היסטארישע. זי לעבט־אויף בר־כוכבאן; זי הײבט ארויס די פערזענלעכקײט פון רש"י (ראשי), און אלץ שוין מיטן צוועק אויפצולעבן דעם אידישן גײסט, פאנצערן די אידישע האפענונג אויף בעסערע צײטן און אויסשמידן דעם אידישן באוואוסטזײן און אײניקײט.

זי ווערט אויף אזויפיל וואכזאם און סענסיטיוו אויפן געביט פון אידישער נאציאנאלער אויפלעבונג, אז זי ענטפערט אפילו אפּ איר בא־ליבטן דיכטער לאנגפעלא, ווען ער באזינגט דעם אידישן בית־עולם אין ניופּארט. זי שרײבט וועגן אים בכלל א זײער ווארעמען ארטיקל צו דער געלעגנהײט פון א מעמאריאל־מיטינג, וואס די „יאנג מען היברו אסאסי־אײשאן" האט ארגאניזירט עטלעכע וואכן נאך זײן טויט אין 1882. אבער זי ווײזט אן אין לאנגפעלאן אײנעם פון די חסרונות, וואס זי האט פריער אלײן געהאט — „אלע זײנע פארבינדונגען זײנען מיט דער פארגאנגענ־הײט; דאס לעגענדארע און היסטארישע האט אים פארכישופט . . . נישט בלויז האט ער נישט געהאט די אויגן פונם זעער דורכצודרינגען די וואנט צו דער צוקונפט, נאר ער האט אויך נישט פארמאגט די אקטיווע ענערגיע, אדער דעם לײדנשאפטלעכן ענטוזיאזם פון א באגײסטערטן קעמפער אין דער ארענא פונם ה ײ נ ט. אידישע לײענער וועלן ניט אזוי גרינג אנ־נעמען די פאלגנדיקע שלום־פערזן פון זײן ליד (אויפן אידישן בית־עולם אין ניופּארט):

„ . . . און שטענדיק אזוי מיט אַן אומגעקערטן בליק
זיי האָבן געלייענט דעם בוך פון דער צייט,
ווי אידישע שריפט אויסגעלייגט אויף צוריק,
ביז דאָס לעבן איז געוואָרן אַ לעגענדע פון דער ווייט.

נאָר וואָס געוועזן איז אַמאָל וועט מער שוין ניט זיין!
מיט נייע ראָסן גייט צו קינד אין פיין די ערד;
די אַלטע קערט זי קיינמאָל מער ניט אום צום שיין
און די טויטע פעלקער וועלן שוין נישט אויפשטיין מער."

אויף דעם ליד האָט זי שוין מיט אַ צייט צוריק געהאַט געענטפערט אין איר ליד „דער נייער יחזקאל", אין וועלכן זי רופט אויס:

„ . . . דער גייסט איז נישט טויט; צעשאָל דעם סוד —
אויפן פלאַץ פון טויטע ביינער — אַן ארמיי שוין שפּאַנט:
— איך עפן דיינע קברים, מיין פאָלק — זאָגט גאָט,
און כ'וועל דיך צוריק פאַרפלאַנצן אין דיין לאַנד."

אָבער צו דער געלעגנהייט פון דעם לאַנגפעלאָ טרויער־אָוונט האָט זי שוין אויפגעוויזן ניט דורך אַ נביא, וואָס האָט געלעבט מיט 24 הונדערט יאָר צוריק, נאָר מיט פאַקטישע באַווייזן, אַז אידן זיינען נאָך ווייט נישט גרייט צו באַטראַכטן זיך ווי אַ ג ע וו ע ז ן פאָלק. פאַרקערט: זיי לעבן, און דאַרפן נישט אָנקומען צו קיין נס, כדי צו עטאַבלירן זייער נאַציאָנאַליטעט. זיי וועלן עס קענען טאָן דורך זייער קאַמף.

אָט אַזוי איז עמאַ לאַזארוס אויך געוואָרן דער וואַכנדיקער געוויסן פון די אַמעריקאַנער אידן. מיט פרייד האָט זי באַגריסט יענע נייע אידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף לאַנד און פילן זיך דאָ ווי נייגעבוירן. ווען זי האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון אַ אידישן אימיגראַנט אין טעקסאַס, אַן אַנטלאָפענער פון די צארישע פּאָגראָמען, אין וועלכן ער שרייבט — „ . . . איצט איז אונדזער לעבן איין אומאונטערבראָכענער גן־עדן. מיר לעבן אַן אמתן ברידערלעכן לעבן. יעדן אויפדערנאַכט נאָך אַוונטברויט זעצן מיר זיך אונטערן מעכטיקן דעמב און זינגען אונדזערע לידער" — האָט זיך ביי איר ארויסגעריסן אַ הימן פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט. דאָס איז געווען אַ הימן נישט פון פּאַטישער מאָמענטאַנער התפעלות, נאָר אַ טיף־דורכגעפילטער געדאַנק —

„פרייהייט צו ליבן די תורה, וואָס משה האָט פאַרקריצט,
זינגען דודים למנצחם און פרייהייט צו חקירהן
גבירולס געדאַנקען, וואָס האָבן שפינאָזאַן צעבליצט,
און אַקעגן ערד און אין בייטן פאַנאַנדערצוואַווירען.”

אָבער ווי באַגייסטערט זי איז געווען פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט איז זי אָבער נישט געווען בלינד צו זען אויך אירע באַגרענעצונגען. וואָס מער אידיש באַוואוסטזיניק זי איז געוואָרן, אַלץ אַ בעסערע אַמעריקאַנערין האָט זי זיך דערפילט. בעסער אין דעם זין פון מאַכן די אַמעריקאַנער פרייהייט מער ממשותדיק, אויסברייטערן די פרייהייט צו זיין זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. כמעט אומבאַמערקט איז זי אַריבער אויפן סאָציאַליס־טישן שטאַנדפּונקט. זי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן קאַרל מאַרקסן און געפּרואווט דערווייזן, אַז אין תורת משה זיינען שוין געווען אָנגעצייכנט די עטישע גרונט־פּרינציפּן פונם סאָציאַליזם און אַז אידן דאַרפן זיין שטאָלץ מיט דעם.

זי האָט אָט־די דאָזיקע צוויי נייע אינטערעסן אירע — לייזן די אידישע פראַגע און די סאָציאַלע — ניט פאַנאַנדערגעטיילט. מ'קאָן זאָגן, אַז זי איז געווען פון די ערשטע אידישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אויך געווען נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניק. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין יענע קאָסמאָפּאָליטן, וואָס האַלטן פאַר אַ פאַרברעכן, אַז אידן זאָלן גאָר ערגעץ וועלן האָבן זייער אייגענע היים. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב דזשאָרדזש עליאָט קאָן שאַפן איר דניאל דעראָנדאַ, וואָס חלומט וועגן אַן אייגענער היים פאַר אידן — עליאָט, וואָס איז אַליין ניט קיין אידיש קינד — פאַר־וואָס זאָלן זיך אידן אָפּטרייסלען פון דעם געדאַנק? זי איז אויך געווען באַגייסטערט פאַרן ענגלישן הומאַניטאַרן שרייבער לאָורענס אָליפאַנט, וועלכער האָט באַזוכט פאַלעסטינע און איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פונם געדאַנק, אַז אידן דאַרפן זיך דאָרט שאַפן אַ היים. אין יענער צייט זיינען שוין געווען אויך ברייט פאַרשפּרייט די געדאַנקען פון די חובבי ציון, וואָס האָבן פּאַקטיש אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אין דער פּראַקטיק צו שאַפן זיך אַזאַ היים אין פאַלעסטינע דורך גרינדן אַגריקולטורעלע קאָ־לאָניעס. אָבער עמאַ לאַזאַרוס האָט נאָך געקאָנט האָבן דעם דאָזיקן גע־דאַנק באַגעגנט אין איינעם פון די אַלטע אידישע אַמעריקאַנער צייט־שריפטן, אין וועלכע מרדכי עמנואל נח האָט שוין מיט צענדליקער יאָרן פריער פאָרגעשלאָגן פאַלעסטינע ווי אַ אידישע היים. עס איז אויך גרייליך מעגלעך, אַז זי האָט געלייענט משה העס'עס „רוים און ירושלים”.

די דיכטערין האָט אָבער אויך געזען בחוש, ווי אַמעריקע ווערט אויך

אין א געוויסן, באַגרענעצטן זין אַ מין אידישע היים. ניט פאַר די אידן, וואָס האָבן זיך ערגעץ איינגעאָרדנט, האָט זי געוואָלט האָבן פּאַלעסטינע. פאַר די אַמעריקאַנער אידן — געוויס נישט. ווען זי רעדט וועגן דער גרויסער אידישער אויסוואַנדערונג פון די לענדער, וואו זיי ווערן אַזוי ברוטאַל פאַרפאָלגט, זעט זי ווי די עמיגראַציע צעטיילט זיך אין פאַרשיידענע מחנות —

„. . . אין צוויי צעטיילטע שטראָמען ציען זיך די מחנות:
איינע איילט אהיים, אהיים, צוריק צום אַלטן קוואַל,
אַ צווייטע — צו דער זון־צו, צו אַ נייעם אידעאַל."

זי האָט געהאַלטן, אַז די אידישע יוגנט קאָן מער אויפטאָן אין דער „נייער וועלט" — פאַר זיך און פאַר אַמעריקע. אויף קיין איין מינוט איז ביי עמאַ לאַזאַרוס נישט געווען קיין שום ריס צווישן איר אידישקייט און אַמעריקאַנישקייט, פּונקט ווי ס'איז ביי איר נישט געווען קיין קאָנפליקט צווישן איר אידישקייט און סאָציאַליסטישקייט.

איר ערשטע רייזע אין אייראָפּע

קוים האָט שוין עמאַ לאַזאַרוס אויף זיך אָנגעטאָן דעם יאָך פון וואָכיקער, פּראַקטישער אַרבעט, האָט מען געקאָנט טראַכטן, אַז די וואָך וועט אַרויסטרייבן איר יום־טוב, אַז די רעאַלע, פּראַקטישע אַרבעטן אירע וועלן נישט לאָזן איר קיין צייט פאַר דיכטונג. אָבער פּאַסירט האָט גראָד פאַרקערט: אין די דאָזיקע וואָכיקע יאָרן פון פּראַקטישער אַרבעט אַנטוויקלט ערשט עמאַ איר העכסטע פּראָדוקטיוויטעט אויך אין איר שרייבערישער אַרבעט. זי שרייבט מערסטנס אין פּראָזע, אָבער איר דיכטערישער דופק קלאַפּט אויך אין זיי. זי זעצט איבער נאָך לידער פון בן־גבירול און הלוי. דר. פיליפּ קאָהען, דער רעדאַקטאָר פונם „אַמעריקען היברו" פאָדערט שוין פון איר יעדן מאָנאַט זיין „פּונט פלייש". זי שרייבט אויך פאַר די אַנדערע זשורנאַלן און צייטונגען. מ'וואַרט שוין אויף איר וואָרט.

און מ'וואַרט נישט בלויז אין די רעדאַקציעס. עמאַ לאַזאַרוס איז שוין פאַרנומען אויך אויף קאָנפערענצן, באַגעגענישן מיט נייע פאַרמעגלעכע אידן, וואָס ווערן צוגעצויגן צו די פאַרשיידענע פּראָיעקטן ווי אַזוי צו לייזן די אידישע פּראָבלעמען אין מזרח־אייראָפּע. איר נאָמען דערשיינט אויך אויף פאַרשיידענע מעמאָריאַלן, וואָס איינפלוסרייכע אידן האָבן צוגעשטעלט דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט. דאָ דאַרף מען זיך באַטייליקן אין אַ פּראָיעקט פאַר דער אידישער יוגנט, רעהאַביליטירן זייער געזונט און מאָראַל.

איינע פון אירע וויכטיקסטע בייטראָגן פאַר דער אידישער יוגנט דאָ אין לאַנד איז געווען צו דער גרינדונג פונם אידישן טעכנישן אינסטיטוט, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט בייגעטראָגן אין אַ גרויסער מאָס, אַז אידן זאָלן באַהערשן די טעכנישע פּראָפעסיעס. כאָטש עס איז נאָך געווען ערב דעם אויטאָמאָביל, און פונם עראָפּלאַן האָט מען אין פּריוואַטע קרייזן נאָך נישט געחלומט, און אוודאי נישט פון ראַדיאָ און מאָדערנער פילם־קונסט, פונדעסטוועגן איז שוין אַמעריקע דעמאָלט געווען ווייט פאָראויס אין מאַשינען־אַנטוויקלונג, בעת די אידישע יוגנט האָט נישט געהאַט דער־פאַר די מינדסטע טראַדיציע. עמאַ לאַזאַרוס איז געווען צווישן די וויניק ווייטזעענדיקע אידן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געזען דעם פולשטענדיקן אונטערגאַנג פון די פריערדיקע מלאכות דורך די נייע טעכנישע דערגריי־כונגען פון דער מאַשין־עפּאָכע.

אָט די אַלע טעטיקייטן און נייע אויפגאַבן, וואָס זי האָט פאַר זיך געשטעלט, האָבן רעוואָלוציאָניזירט איר גאַנצן אַרט לעבן. עס האָט זיך געביטן איר רוטין. עס האָבן זיך געביטן אירע פריינט. זי איז שוין מער נישט געווען אויסשליסלעך אַ דיכטערין, וואָס פאַרקערט בלויז מיט דיכ־טער. אַ גאַנץ נייער שיכט פון באַקאַנטשאַפטן האָט זיך פאַר איר אויס־געלייגט: אידישע כלל־טוער; אידישע פילאַנטראָפּן און איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן; אידן־פריינט פונם ניט־אידישן לאַגער, וואָס אַרבעטן־מיט אין אידישע נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען. זי האָט גוטגעמאַכט דעם נדר, וואָס איינער פון אירע העלדן אין איר פּיעסע „דער טאַנץ צום טויט" האָט זיך געגעבן:

„. . . איך באַלאַנג איצט אינגאַנצן צו ישראל —
ביז דער דאָזיקער וואָלקן וועט ניט פאַרביי
האָב איך נישט קיין אַנדער געדאַנק,
קיין לוסט, קיין אַנדער פאַרלאַנג,
ווי צו ראַטעווען מיין פאָלק."

אָבער די דאָזיקע אַלע טעטיקייטן און פליכטן האָבן שטאַרק אויסגע־מאַטערט איר איידעלן און קרענקלעכן קערפּער. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט פולשטענדיק אויסגעשעפּט. פריינטלעכע דאָקטוירים האָבן גע־ראָטן אַ רייזע אין אייראָפּע. דאָס וועט איר געבן אַ פולשטענדיקן אָפּרו; זי וועט זיך אָפּפרישן מיט נייע לאַנדשאַפטן, נייע מענטשן, נייע איינדרוקן. גלייכצייטיק האָט זי באַרעכטיקט איר אָפּרייסן זיך פּלוצלינג פון אַלע אירע אָנגעהויבענע פּראָיעקטן און טעטיקייטן מיט באַשליסן איינצושטעלן אין אייראָפּע נייע פאַרבינדונגען פאַר אירע טעטיקייטן, צוציען אַ גרעסערע צאָל

איינפלוסרייכע טוער אין ענגלאנד, פראנקרייך און צענטראל־אייראפע.

דער געדאנק אליין אנצוקוקן די וועלט, די אלטע וועלט, פון וואנען אמעריקע איז בלויז א געוועזענע קאלאניע, אן אפשפריץ פון א מער סאַ־לידן און פארפעסטיגטן קאנטינענט, צו זען מיט אירע אייגענע אויגן די אלע היסטארישע ערטער, וועגן וועלכע זי האט געלייענט, צו טרעפן זיך אויג אויף אויג מיט פיל דיכטער, מיט וועלכע זי האט זיך דורכגעשריבן, איז פאר עמאן שוין געווען א גוטער נאדערויף אויף אן אמתער דער־פרישנדיקער וואקאציע.

זי איז געפארן אין דער באגלייטונג פון איר שוועסטער דזשאזעפין. זי איז איר שטענדיק געווען צום נאענטסטן. און די צייט פון יאר איז געווען די שענסטע — מאי. קיין בליאונג זעט מען טאקע נישט אויפן ים, אבער די ווארעמע פרילינג־ווינטלעך זיינען דורכגעדרונגען מיט בליאונג־ריחות און שטראלן. פאר עמאן, אין פיר און דרייסיקסטן יאר פון איר לעבן — דאס איז געווען אין 1883 — איז דאס דערוואיל געווען די טיפסטע איבערלעבונג. זי האט פארצייכנט ערגעץ אין איר טאג־בוך, אז אויפן זעקסטן טאג האבן אירע אויגן באגומען „א וויזיע פון שיינקייט פון אינ־דערפרי ביז ביינאכט”. דאס איז געווען דער ערשטער בליק פון דערווייטנס אויף דעם אירלענדישן הויכלאנד.

און אט קומט זי אן אין ליווערפול, ענגלאנד. זי האט אזויפיל גע־לייענט וועגן דעם דאזיקן לאנד. די גרעסטע צאל ווערק מיט וועלכע זי האט זיך אמאל געקוויקט זיינען פארבונדן מיט ענגלאנד, מיט אירע ים־ברעגן און נעפלען, מיט אירע טייכלעך און אלטע, נאך־באוואקסענע בריק־לעך, די קאטעדזשעס, די געסלעך, די געשעפטן.

אפילו די אידישע בלל־טוער, וואס האבן זי באגעגנט ביים אראפגיין פון שיף, האבן זי נישט געקאנט ארויסשלאגן פון אט־דעם רושם, וואס ענגלאנד האט אויף איר געמאכט, ווי עס וואלט שיעור נישט געווען איר געבורטס־לאנד. יעדער קער האט איר „צוריקגעבראכט א טויזנט זכרונות פון שעקספירן, ספענסערן, שעלין, פון מילטאנען און קיטן”. די שטאט טשעסטער מיט אירע מאדנע גאסן האבן זי דערמאנט אן וואלטער סקאטס ראמאנען.

אבער דעם שטארקסטן איינדרוק פון אלע שטעט, וואס זי האט געזען אין ענגלאנד, האט אויף איר געמאכט לאנדאן. די גרויס פון דער שטאט, דער „שטויסנדיקער געדראנג פון מענטשן, די סצענעס, איינדרוקן” האבן זי צעטומלט. זי האט לאנג אין דער הויפט־שטאט נישט געקאנט זיין... דער גרויסער קאנטראסט פון ארעם און רייך אין ענגלאנד האט אין איר נאך

שטאַרקער פאַנאַנדערגעפעבערט איר סאָציאַלן פונק. זי האָט אויסגעפונען, אַז „דער דרוק פון דער געדיכטער, ענג־צוזאַמענגעפרעסטער באַפעלקערונג אויף די עקזיסטענץ־מיטלען, איז פיל ווייטיקדיקער״ ווי אין ניו־יאָרק.

פון דער צווייטער זייט האָט זי נישט פאַרמאַכט די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז אין קולטורעלן זין איז די לאַגע אין אַמעריקע ערגער ווי אין ענגלאַנד. דאָרט „פילט זיך מער דער דוחק אין אַ העכערער קולטור, אין אַ פיינערן געשמאַק. די נויטווענדיקייט פון אַ פעסטער־געבויטן סאָציאַלן פונדאַמענט איז דאָרט מער בולט ווי די אומגלייכהייט אין די באַדינגונגען.״

אַט־די דאָזיקע באָאָבאַכטונגען האָבן זי געטריבן וואָס גיכער קיין סאָריע, צום באַרימטן סאָציאַליסט און דיכטער וויליאַם מאָריס. וואָלט זי געווען געפאָרן מיט עטלעכע חדשים פריער, ווען קאַרל מאַרקס האָט נאָך געלעבט, וואָלט זי נאָך מסתמא געמאַכט אַ פאַרזוך צו זען דעם גרויסן פאָטער פון סאָציאַליזם, וואָס עמאַ האָט בשום אופן נישט געוואָלט אים אַרויסלאָזן פון אידישן קרייז, נישט קוקנדיק, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעטויפט ווען ער איז געווען אַ קינד. זי האָט זייער געוואָלט אָנהאַלטן מיט מאַרקסן די טאָפּלטע קרובהשאַפט — אַ איד און אַ סאָציאַליסט. מאַרקס איז אָבער געשטאָרבן מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער (מערץ 14, 1883).

אָבער דערפאַר האָט זי מיט וויליאַם מאָריסן אויך געהאַט אַ טאָפּלטע קרובהשאַפט — אַ סאָציאַליסט און אַ דיכטער. און אפשר נאָך אַ דריטע קרובהשאַפט האָט זי געשפּירט, וואָס זייביידע באַלאַנגען אין זייער סאָ־ציאַלער לאַגע צו דער בורזשואַזיע.

וויליאַם מאָריס האָט אין סאָרעי געהאַט זיין פאַבריק. האָט זי אים אויסגעזוכט און פאַרבראַכט מיט אים אַ גאַנצן טאָג, געזען די הומאַניטאַרע איינשטעלונגען אין זיין פאַבריק און ווי ער פרואווט אָנווענדן, אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך, זיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אין דער פּראַקטיק. זי האָט דערנאָך באַשריבן איר טאָג מיטן ענגלישן גרויסן דיכטער־סאָציאַ־ליסט פאַרן זשורנאַל „דהי סענטשורי״. די געפילפולקייט און ליבשאַפט, מיט וועלכער זי האָט אים באַשריבן, האָט שוין עדות געזאָגט, אַז דער פונק פון סאָציאַליזם האָט זיך שוין ביי איר אויסגעהאָדעוועט צו ווערן אַ היפּש פלעמל.

זי האָט אין יענער באַשרייבונג פון מאָריסן אָנגעוויזן, אַז ער ווייסט ווי אַזוי צו באַלאַנסירן זיין ליידנשאַפט פאַר דער שיינער קונסט „מיט אַ געזונטער און ערנסטער אינטעליגענץ״, וואָס אָן דעם וואָלט די ליידנשאַפט פאַר שיינקייט דעגענערירט אין אַ קרענקלעכן און עגאָאיסטישן עסטעטי־ציזם, און אַז מאָריסעס הויפּט־שטרעבונג איז, אַז אַ ל ע ק ל אַ ס ן פון

דער געזעלשאַפט זאָלן קאָנען געניסן אמתן עסטעטישן גענוס, און נישט בלויז דער אויבערשטער דינער שיכט.

ווען דעם באַזוך ביי וויליאַם מאָריסן האָט זי געהאַט מער צו שרייבן ווי וועגן איר זיין אין לאָנדאָן. כאָטש אויך דאָרט האָט מען זי אויפגע־נומען מיט גרויס אויפזען און כבוד. אַזאַ וועלט־באַרימטער דיכטער ווי ראָבערט בראַונינג האָט מיט איר געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און פון איר שטאַרק געהאַלטן. צווישן די פּראָמינענטע אידישע כלל־טוער, וואָס האָבן זי באַגריסט, איז געווען קלאָוד מאָנטעפיאָר און איבערהויפּט אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגענומען אירע פּלענער פאַר אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים, און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די מאָדנע געדאַנקען פון דער אידיש־אַמעריקאַנער דיכטערין. און עס האָבן זי אויך פיין אויפ־גענומען ניט־אידישע באַרימטהייטן אויפן ליטעראַרישן און געזעלשאַפט־לעכן געביט. אָבער לאָנדאָן האָט איר געגעבן צופיל פיין און יסורים. אין פראַנקרייך וועט זי זיך בעסער פילן — האָט זי באַשלאָסן — אין פאַריז, די וועלט־שטאָט, דער צענטער פון די קונסטן און פון נייע אידייען, וועט זי דערפילן די זעלישע רואיקייט, נאָך וועלכער זי האָט איצט אַזוי שטאַרק געבענקט.

אָבער פראַנקרייך האָט איר נאָך מער דערשיטערט ווי ענגלאַנד. פאַריז איז טאַקע אַ פאַרכאַפּנדיקע שטאָט, אָבער אַן אַנטוישנדיקע פאַר די, וואָס האָבן זי פריער געזען אין זייערע פאַרשטעלונגען און אָנגעלייענט זיך וועגן פאַרשיידענע היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן דאָרט זיך דורכגעטראָגן. עמאַ האָט זיך געוואונדערט: איז אָט־די שטאָט, וואָס איז אָנגעפילט מיט פּראָסטיטוציע און פאַרקויפטע צייטונגען, דיזעלבע, וואָס האָט אַרויסגע־געבן די יאַקאָבינער?

אפילו דער 14־טער יולי, דער באַסטיל־טאָג, וואָס איז געפייערט גע־וואָרן אויף באַסטיל־סקוועַר, איז אויך אויסגעקומען צו זיין פרעמד צום גייסט פון די, וואָס האָבן געשטורעמט די באַסטיל. אַרום און אַרום האָט זי געזען „חורבות — דאָ פון דער קאָמונע, דאָ פון דער פאַריזער באַלאַ־גערונג און דאָ נאָך פון דער רעוואָלוציע”. מעגלעך, אַז די גרויסע פאַר־שטעלונגען, וואָס זי האָט געהאַט וועגן פאַריז, איז אויך געווען פאַרבונדן מיט איר באַליבטן פּאָעטס באַציאונגען און פאַרערונגען צו דער גרויסער וועלט־שטאָט. אָבער קוים האָט זי געוואָרפן אַן אומחן אויף דער „שטאָט פון ליכט”, האָט שוין אפילו היינעם אָנדענק אויך נישט געהאָלפן. איר קירצסטע באַצייכענונג וועגן פאַריז איז געווען איין וואָרט — „שרעקלעך!”...

מ'קאָן זאָגן, אַז פון פאַריז איז זי פשוט אַנטלאָפן. זי האָט אַפילו
שוין נישט געהאַט קיין חשק צו זען היינעם באַליבטע אינספּיראַציע — די
סטאַטוע פון וועגוס דע מילאָ. זי האָט זיך נישט באַמיט אַפילו אָנצוקוקן
די „סטעטשו אָוו ליבערטי", וואָס איז שוין געווען גרייט אָפּגעשיקט צו
ווערן קיין ניו־יאָרק. זי האָט דעמאָלט אַפילו נישט געהאַט די מינדסטע
פאָרשטעלונג, אַז איר נאָמען וועט אויף אייביק פאַרבונדן ווערן מיט דער
דאָזיקער פרייהייט־סטאַטוע ווען זי וועט אָוועקגעשטעלט ווערן אינם ניו־
יאָרקער האַפן אויפנעמען די אַריינקומענדיקע „געיאָגטע און געפּלאָגטע".
ווי געשפּענסטער וואָלטן זי געיאָגט, אַזוי איז זי אַנטלאָפן פון פראַנקרייך.
„צוריק אַהיים!" — האָט זי באַשלאָסן. זי און דזשאָזעפין האָבן גע־
נומען די שיף קיין ניו־יאָרק. אויף דער שיף האָט זי געקאָנט צוזאַמענ־
נעמען אירע איינדרוקן, סומירן אירע באַאָבאַכטונגען און דערפילן זיך
פונדעסטוועגן אָן אָנגענומענע מיט נייע כוחות, אָן אָפּגעפרישטע צו נייע
טעטיקייטן.

„דער נייער קאָלאָסוס"

ניו־יאָרק איז געווען באַגאָסן מיט זון פונם „אינדיאַנער" זומער, ווען
זיי זיינען צוריקגעקומען. דורך דער צייט פון איר זיין אין אייראָפּע, האָבן
זיך דערווייל אָנגעקליבן פעק מיט בריוו, וואָס זי האָט געדאַרפט לייענען,
באַטראַכטן, ענטפערן. עס האָבן געוואַרט אויף איר אַלערליי באַראַטונגען,
וואָס זיינען אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן אָנהויב האַרבסט. אַך, ווען וועט זי
דאָס אַלץ קאָנען באַזאָרגן!

אָבער איין בריוו האָט זיך געבעטן צו לייענען. לויטן קאָנווערט האָט
זי געזען, אַז דאָס איז פון דעם באַרימטן אידן־פריינט, עקס־סעקרעטאַר
ע ו ו אַ ר ט ס, וואָס איז נישט איינמאָל אַרויסגעטראָטן אין די קאַמפן
פאַרן אידישן גוטן נאָמען, קעגן די אַנטיסעמיטישע פאַרלוימדער. דער
בריוו איז געווען געשריבן אויף אַן אָפיציעלן בויגן פונם אַמעריקאַנער
קאָמיטעט פאַר דער „פרייהייטס סטאַטוע". ער איז געווען אַדרעסירט:
„צו דער פּאָעטעסע עמאַ לאַזאַרוס".

דער בריוו איז געווען מיט אַ בקשה — צו שענקען אַ פּאָעמע דעם
קאָמיטעט, וואָס בויט דעם פעדעסטאַל פאַר דער פרייהייטס־סטאַטוע, וואָס
ווערט געשיקט פון פאַריז. אָפּטמאָל איז עמאַ קענטיק געווען זייער קאַפּ־
ריזנע. זי האָט שטענדיק רעוואָלטירט קעגן באַשטעלטע טעמעס. די
בורזשואַזע איינרעדעניש, אַז דער דיכטער טאָר נישט באַווירקט ווערן
פון קיינעם, נאָר ער מוז שרייבן פון זיין אייגענעם דראַנג אַרויס און לויט
זיין געמיט־צושטאַנד, האָט זי נאָך געהאַלטן שטאַרק אין קלעם. אָן אויפ־

גערעגטע האָט זי גלייך געענטפערט: אַ דאַנק פאַר דער איינלאַדונג. איך באַדויער אָבער וואָס איך קאָן נישט שרייבן לויט באַשטעלונג.

אָבער ווען די קאַפּריזנעקייט איז אויף אַ ווײַלע אָפּגעטראָטן און זי האָט זיך באַקלערט, אַז דאָס איז דאָך אייגנטלעך אַ טעמע, וואָס בעט זיך שוין ביי איר אַ לענגערע צייט . . . איז זי דען נישט גערירט פון דעם עלנד און נויט אין די גרויסע וועלט־שטעט? האָט זי דען אַליין ניט געטראָפן זיך מיט די, וואָס וואַרצלען זיך אויס פון זייערע אַלטע היימען, כדי צו זוכן פאַר זיך אַ נייע היים, וואו זיי וועלן אויפגענומען ווערן און סוף־כל־סוף פאַרוואָרצלען זיך אינם באָדן?

כאָטש זי האָט די סטאַטוע, וואָס איז נאָך געשטאַנען אַ פאַרגראַטע־וועטע אין פּאַריז, נישט געזען, אָבער בילדער פון איר האָט זי דאָך שוין אַזויפיל מאָל געזען — פאָטאָגראַפיעס און צייכענונגען. זי דאַרף בלויז פאַרמאַכן די אויגן, אַרויסרופן פון די הינטערשאָטנס איר אַמאָליקע פאַנ־טאַזיע, פאָרשטעלן זיך ווי די סטאַטוע וועט שטיין אויף אַ הויך, פון וועל־כער זי וועט קאָנען זען נישט בלויז די 15־ און 20־שטאָקיקע הייזער פון דרומדיקן מאַנהעטן־שפּיץ, נאָר אויך ברוקלין, סטעטן־אײַלענד, דעם דזשוירזי ברעג און די אַלע שטעטלעך, וואָס טוליען זיך דאָרט איינע צו די אַנדערע, פאָרשטעלן זיך ווי זי שטרעקט אויס איר האַנט מיטן פאַקל, כדי צו באַלייכטן דעם וועג פאַר אָט־די אַלע וואָס זי האָט געזען אין די נעדיכטע סלאָמס אין לאָנדאָן, ביי די דאָקס, וואָס זי האָט געזען אין פּאַריז, וואָס זי האָט געזען אויף וואָרדס אײַלענד אין ניו־יאָרק.

דאָס ליד איז שוין אייגנטלעך לאַנג געווען אָנגעשריבן אין איר פאָר־שטעלונג, אין אירע סאַמע בלוטן און געוועבן. זי האָט זיך בלויז געדאַרפט אָוועקזעצן און אַרויסברענגען עס אויפן פּאַפּיר. דאָס איז געווען אַן אָרדער, וואָס איז געקומען פון איר אייגענעם געמיט־צושטאַנד. אַלץ האָט אין איר גערופן: שרייב עס אָן! שרייב עס אָן!

אין צוויי טעג שפּעטער האָט שוין דער פאָרזיצער פונם קאָמיטעט, וויליאַם ב. עוואַרטס, פאַר זיך געהאַט דאָס ליד מיט דעם שטאָלצן נאָמען „דהי ניו קאָלאָסוס”. עס איז נישט געפעלן געוואָרן דער היפּאָקריטי־שער נאָמען „די פרייהייטס־סטאַטוע”. אַלס יונגע סאָציאַליסטקע האָט זי שוין אַ היפּש ביסל באַנומען וואָס פאַר אַן אינהאַלט די בורזשואַזיע לייגט אַריין אין דעם באַגריף „פרייהייט”. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש וועט ערשט קאָנען זיין אַ באַפרייטער, ווען ער וועט נישט אויסגענוצט ווערן ווי אַ געציייג פון אַנדערע מענטשן.

ווען זי האָט עס אָנגעשריבן, האָט זי נישט געחלומט, אַז דאָס ליד,

וואָס זי שיקט־צו, וועט אויסגעקליבן ווערן צוזאַמענגעגאָסן צו ווערן מיט דער סטאַטוע גופא, ווערן א י י ן זאַך. נאָך מער: אַז איר ליד וועט מאַכן די סטאַטוע אָנזעעוודיקער, אַז זי וועט איר געבן נאָך אפשר אַ טיפערן אינהאַלט, ווי דער סקולפּטאָר האָט געהאַט אין זינען איר צו געבן.

אין איר ליד גיט זי דער סטאַטוע איר אייגענעם נאָמען — „די מוטער פון פאַרטריבענע", אַז זי שטייט נישט ווי דער חוצפּהדיקער ריז אין דער גריכישער לעגענדע, נאָר ווי אַ פרוי מיט אַ פאַקל אין האַנט, וואָס באַגריסט די געקומענע אימיגראַנטן מיט אירע מילדע אויגן און רופט אויס צו דער אַלטער וועלט:

„... אָ, איר קאָנט זיך, אַלטע לענדער, האַלטן מיטן יחוס!
גיט מיר בעסער אייערע מידע, מיט בלוט פאַרלאָפענע,
דעם הילפלאָזן אָפּפאַל פון אייער איבערגעפילטן ברעג,
די זיך־טוליענדיקע מאַסן, געטריבן ווי פון רוחות;
שיקט מיר די היימלאָזע, די פון שטורעם־געטראָפענע
און כ'וועל מיט מיין לאָמפּ זיי באַלייכטן דעם וועג!"

אין די 14 שורות פונעם סאָנעט, פון וועלכן מיר גיבן דאָ בלויז די לעצטע זעקס, איז אַריינגעפּרעסט ניט בלויז אַ שלל בילדער, נאָר אויך אַ היפּשע גאַמע פון הומאַניטאַרע געפילן און געדאַנקען. קוים האָט זי זיך צוגערירט צו דער טעמע, איז שוין ביי איר געבליבן גענוג דיכטערישע אויפרודערונגען און זעאונגען, אַז זי זאָל אין עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך אָנשרייבן איר סעריע „על נהרות בבל" („ביי די וואַסערס פון בעבילאָן"). און דאָס פינפטע ליד אין פראָזע פון דער סעריע איז אַ מין פאָרזעצונג פון איר „נייעם קאָלאָסוס". זי רופט אָן דאָס ליד „קווירענטס" — שטראָמען.

„1. ריזיקע אָקעאַנישע באַוועגונגען, דער צופלוס און אָפּפלוס פון אומדערמעסטבאַרע שטראָמען פאַרפלייצן אונדזער קאָנטינענט.

2. פון די ווייטע קאַווקאַזער סטעפּעס, פון די אָרעמע געטאָס פון אייראָפּע.

3. פון אָדעס און בוקאַרעסט, פון קיעוו און יעקאַטערינאָסלאַוו.

4. הערט זיך איין צו דעם יאָמער פון די פאַרטריבענע אין בבל, רחלס געוויין, ווי זי באַקלאָגט אירע קינדער, פון ישראלן וואָס זאָגט זיינע קינות נאָך ציון.

5. און זע, ווי אַן אויפגעבורעטער שטראָם ברעכט זיך דורך דער לאַנג־פאַרהאַלטענער פאַרפלייצונג דורך די וואַלן פון אונטער־דריקונג, און יאָגט זיך אַהערצו.

6. די גוטהאַרציקע מוטער פון פּעלקער טוליעט זיי צו צו איר פולער ברוסט. זי באַגריסט זיי.

7. די פּי־ציכטלער פון כנען (קענאַאַן) און די זאָמען פון ירו־שלימס קעניגלעכן פּאַסטוך באַנייען זייער יוגנט צווישן די פּאַשע־שטרעקעס פון טעקסאַס און די גאָלדענע טאָלן פון די סיעראַס."

אין איר פּאָטאָס האָט עמאַ לאַזאַרוס בלויז אין יענעם מאָמענט געזען די עטלעכע הונדערט אידישע איבערוואַנדערער אין דער וועסט, און אויך נישט אַלע פון די האָבן געלעקט האָניק. זי האָט בעת מעשה פאַר זיך נישט געזען די „בלאַסע אָפּערייטאָרס", וועגן וועלכע מאָריס ראָזענפעלד, באָור־שאָווער און עדעלשטאַט האָבן דערנאָך געזונגען. עס איז גרייליך מעגלעך, אַז זי האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו באַזוכן די שניידער־שעפּער, וואו די אידישע און אַנדערע אימיגראַנטן האָבן דעמאָלט געאַרבעט 16 און 18 שעה אין טאָג אין די ערגסטע היגיענישע באַדינגונגען, אָן לופט און אָן ליכט. זי איז שוין אין יענער צייט געווען זייער, זייער קראַנק.

איר צווייטע רייזע אין אייראָפּע —
און דער ביטערער סוף

צופיל בערג מיט אַרבעט האָבן זיך אָנגעלייגט אויף איר אין יענעם ווינטער פון 1883 און 1884. איר ענטוזיאַזם איז געשטיגן, און צוזאַמען מיט אים איז געשטיגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. אירע כחות זיינען אָן אַן ערך געווען שוואַכער. אין אויגוסט פון 1884 האָט זי זיך שוין געפילט גענוג קראַנק, אַז איר פאַמיליע זאָל ווערן אַלאַרמירט. זי האָט זיך געפּרואווט ווערן. זי האָט שוין געמוזט מסתמא וויסן, אַז איר קראַנקהייט איז אַ געפערלעכע — אַ קאַנסער. און אויב דער דאָזיקער „גוטער אָנזאָג" איז נאָך געווען ווייניק, האָט נאָך איר פאָטער געדאַרפט שטאַרבן, כדי פול צו מאַכן איר ביטערן בעכער.

נאָכן פאָטערס טויט, דעם 9טן מערץ, 1885, האָט זי זיך ווידער געזוכט צו פאַרטויבן מיט אירע קונסטן. זי האָט זייער ליב געהאַט מוזיק און דראַמע. זי האָט געפּרואווט אָנהאַלטן איר רעגולערע מיטאַרבעטער־שאַפט אין אירע זשורנאַלן. אָבער סוף־כל־סוף האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן דאָס מאָל אַ לענגערע רייזע אין אייראָפּע, וואָס זאָל זי מאַכן פאַרגעסן אָן איר פאָטערס טויט.

זי איז אָפּגעפאָרן אין מאַי. דאָס פאָרן איבערן ים אין דער צייט פון יאָר האָט איר געגעבן נייע כחות און האָפענונגען. אין אייראָפּע איז זי

לאַנג נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. דער אומרו איז אַריין אין אירע ביינער. אָבער דער ראַק האָט זי געהאַלטן אין איין צערן. און מאָדנע — וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום סוף — אַלץ וואַכזאַמער איז איר מוח געוואָרן. איידער זי שטאַרבט האָט זי נאָך געוואָלט אַ גוטן קוק טאָן אויף דער וועלט. האָט זי געוואַנדערט אין פיל שטעט אין ענגלאַנד, באַניט אַלטע פריינטשאַפטן, געשריבן נייע לידער אין פּראָזע — אַ פאָרם, וואָס האָט זי אַרויסגעבראַכט אין איר עכטער דיכטערישער פאַרב. זי האָט באַזוכט נאָך אַמאָל פּאַריז. דאָס מאָל האָט זי שוין היפּשלעך פאַרבראַכט אין דעם „לוואוור". זי האָט באַזוכט האאַג אין האָלאַנד. זי איז אַוועק זען די אייניקלעך פון די אַמאָליקע רוימער און באַזוכט רוים, פּיזאַ און פלאָרענץ. זי האָט איר קראַנקהייט שוין אָנגעהויבן צו נעמען פילאָסאָפיש. זי האָט זיך אין זיך נישט געגאַרט. זי האָט געוואוסט, אַז איר קערפּער איז נישט בכח בייצוקומען דעם פאַרשאָלטענעם ראַק. איר טרייסט איז געווען, וואָס איר ליבלינג היינריך היינע האָט אויך נישט געטיילט קיין בעסערן שיקזאַל. אויך ער האָט געליטן געוואַלטיקע יסורים אַ צייט פאַר זיין טויט און איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן. מער נישט, זי איז געווען אויף אַזויפיל אינגער, האָט נאָך פון קיין פולן לעבן נישט געוואוסט און ערשט אָנגעהויבן צו קעמפן.

אַמאָל האָט זי דאָך געמיינט, אַז זי קאָן אינגאַנצן זיך נישט באַטייליקן אין קיין שום קאַמף. זי האָט זיך דאָך באַקלאָגט אויף דעם, וואָס זי איז שפּעט געבאָרן געוואָרן און נאָך דערצו מיט אַ פרויען־נשמה. ווי קומט זי, וואָס איז „פאַרליבט אין ליד און אין איינזאַמקייט", זיך גאָר וואַגן „צו פאַרמעסטן מיט די שטאַרק־אָרעמדיקע קריגער פון דער וועלט". איצט איז זי פול מיט קאַמף אין איר ווילן, אָבער זי קאָן דאָך אפילו זיך נישט העלפן.

אויפגעגעבן האָט זי אָבער נישט. זי האָט די גאַנצע צייט אויסגעפילט שוין מיט דערפילן די אויפגאַבן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט, ווען זי האָט געמאַכט איר קער און געוואָרן אַ אידישע פירערין און קעמפערין. זי האָט צוגעשיקט איר סעריע פון „על נהרות בבל" („ביי דהי וואָטערס אָוו באַבילאָן") צום זשורנאַל „דהי סענטשורי", וואָס האָט זיי פאַרעפנט־לעכט אין מערץ, עטלעכע מאָנאַטן איידער זי האָט זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע, נאָך אַן אָפּוועזנקייט פון איבער צוויי יאָר.

ווען זי איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק דעם 31טן יולי, 1887, איז זי שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק. זי האָט נאָך פונדעסטוועגן דערצויגן ביזן 19טן נאָוועמבער. איר טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין

פאַרשיידענע שיכטן. נישט בלויז אין דער ברודערשאַפט פון פּאָעטן האָט מען באַדויערט דעם פאַרלוסט פון אַ האַרציקער און אינטעלעקטועלער קינסטלערין. איר יונגער טויט צו 38 יאָר איז אויך באַדויערט געוואָרן פון פיל הומאַניסטן און דענקער אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. אידן אין דער גאַנצער וועלט זיינען געווען אבלים.

דער אַמעריקאַנער דיכטער פון דעמאָקראַטיע דזשאַן דזשי. וויטיער האָט געשריבן : „זינט מרים האָט ביים אַריבערגיין דעם ים־סוף געזונגען דאָס געזאַנג פון גאולה און נצחון, האָט די סעמיטישע ראַסע נישט געהאַט קיין בראַוועריע זינגערין. „דער קריי פונעם רויטן האָן", וואָס זי האָט געשריבן, בעת דער רוסישער הימל איז געווען רויט מיט ברענענדיקע אידישע הייזער, איז געווען אַ צאָרנדיק און מעכטיק לירישן געזאַנג, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר דער מאַקאַבייער־עפּאָכע. איר ליד „באַנער אָוו דהי דזשוו" (די אידישע פאָן) האָט דעם אָפּשאַל פון ישראלס קריגס־טראָמפּייטן."

דער גרויסער ענגלישער דיכטער ראָבערט בראַונינג האָט געשיקט אַ קעיבלגראַם צום „אַמעריקען היברו", אַז ער „באַטייליקט זיך אין דער באַוואונדערונג פון איר זשעני און אין דער ליבשאַפט פונעם כאַראַקטער פון זיין באַקלאָגטן פריינט..."

דער ספּעציעלער טרויער־נומער נאָך איר פונעם „אַמעריקען היברו" (9טן דעצעמבער, 1887) איז געווען פול מיט אָפּשאַצונגען און באַדויערונגען פון פיל גרויסע פּערזענלעכקייטן. דאָס זעלבע איז געווען אין דעם אָקטאָבער־נומער פון 1888. שטאַטסמענער, פּראָפעסאָרן, קינסטלער, קריטיקער, רעדאַקטאָרן, היסטאָריקער, קריטיקער האָבן געבויגן דעם קאָפּ אויף דעם שווערן פאַרלוסט. וואָלט וויטמאַן, דער אָריגינעלסטער און וואַגנדיקסטער פון אַלע אַמעריקאַנער דיכטער, האָט געזאָגט וועגן איר, אַז „זי האָט געמוזט האָבן אַ גרויסע, זיסע, אומגעוויינטלעכע נאַטור".

דער פּריוואַטער לאַזאַרוס פאַמיליע־קבר אויף דעם „סאַיפּרעס הילס" בית־עולם וואָלט געבליבן אומבאַוואוסט, אויב די ביינער פון עמאַ לאַזאַרוס וואָלטן דאָרט נישט געלעגן באַהאַלטן. און ס'איז כמעט ווי נביאיש איר איבערדיכטונג פון יחזקאלס וויזיע ביים טויטן־טאָל, וואָס פּראָקלאַמירט, אַז „דער גייסט איז נישט טויט... אויפן פּלאַץ פון טויטע ביינער אַן אַרמיי שוין שפּאַנט."

אויפן פּלאַץ פון עמאַ לאַזאַרוס, די דיכטערין, די קעמפערין, געפינען זיך איצט טויזנטער אידישע פרויען, וואָס קעמפן אין די פרויען־דיוויזיעס פונעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן. זיי זיינען באַזעלט מיט די זעלבע אידעאַלן, פאַר וועלכע די דיכטערין האָט אוועקגעגעבן דעם לעצטן צענדליק יאָר פון איר קורץ, הערלעך לעבן.